# יצחק גוטוויין

# אַ זכר

## פון מיין שטעטל

# דזשיקוו

בריל בס"ד

ישראל מאיר בריל

יצחק גוטוויין

# א זכר
# פון מיין שטעטל
# דזשיקוו

תש"ח 1948

פאריז

Digitized by Touro College Libraries
For Project Zikaron
www.zikaron.tourolib.org
2022

I. Gutwein: A zojcher fun mein schteitel Dzikiw

Souvenirs de mon Village

Printed in France

Imprimerie GELBAR, 20, rue Ferdinand-Duval

Digitized by Touro College Libraries
For Project Zikaron
www.zikaron.tourolib.org
2022

# אינהאלט:


פון דעם מחבר . . . . . . . . . . 7

## דאס שטעטל

א בליק אויף מיין שטעטל . . . . . . . . . . 11
תשעה־באב . . . . . . . . . . 15
דער בית־המדרש . . . . . . . . . . 18
די גרויסע שול . . . . . . . . . . 24
עמוד נגינה . . . . . . . . . . 27

## געשטאלטן

ישראל דער מילביקער . . . . . . . . . . 31
מלמדים און חדרים . . . . . . . . . . 32
ר' פיניע קירשנבוים . . . . . . . . . . 37
דער שטאט פארזארגער . . . . . . . . . . 38
ר' וועלוועלע שליסל . . . . . . . . . . 40
ר' העשל קאנער און דער רויטער ישעי' . . . . . 43
דער קנאי . . . . . . . . . . 50
ר' משה ניחהם . . . . . . . . . . 52
דער כשרער שניידער . . . . . . . . . . 54
יידישע אינטעליגענטן . . . . . . . . . . 56
מיין זיידנס געשטאלט . . . . . . . . . . 58

## דזשיקיווער חסידות

רביים פון פינף דורות . . . . . . . . . . 63

## מלחמה — 1939

דער אנפאנג קריג . . . . . . . . . . 77
דער לעצטער טאג פון פארלאזן דאס שטעטל . . . . 84
די ענדע פון דער געשיכטע דזשיקיוו . . . . . . 91

יצחק גוטוויין

# א זכר פון מיין שטעטל דזשיכיוו

# ה א ר ט

ביי דער גרענעץ פון קאנגרעס־פוילן, אויף דער רעכטער זייט ווייסל, האט זיך געפונען דאס יידישע מערב־גאליציש שטעטל דזשיקיוו (טארנאבזשעג).

עס זאגן עדות פיל שפורן פון דער פארגאנגענהייט, אז דער יידישער ישוב איז געווען אן אלטער, א קימא׳לן פון א פינף הונדערט יאר. בהדרגה האט זיך דאס שטעטל אנטוויקלט, זיך צעבויט און איז אויסגעוואקסן צו א הויכער שטופע פון יידישן לעבנס־שטייגער. אבער דער חותם פון אלטע צייטן, דער איינגעווארצלטער שטאם פון דורות מנהגים נישט געריטע, אנגעהיטענע ווי אן אוצר — זענען כסדר פארבליבן.

טויזנטער טעמים און חנען האט געהאט דאס דאזיקע הארציקע יידישע שטעטל און געדרוט האט אויף אלעם א הייליקייט. אויף די מויערן, אויף יעדן הויז, אויף איטלעך געסעלע און גאס האט מען אין א שבת אדער אין א יום־טוב — דערקענט א מין קדושה, וואס איז געווען אויסגעגאסן אויף אלץ. טייער איז איטלעכער זכרון פון דעם ארט לעבן, וואס האט געהאט אין זיך אזוי פיל יידישקייט מכל המינים, אזוי פיל לײדן און פריידן, מער ווי פשוט מענטשלעכע, נאר ספעציפיש יידישע.

א תקופה האט געבליט און פלוצעם, אומדערווארטעט איז געקומען דער נאצישער שטורעם־ווינט, אלץ איבערגעדרייט, אויסגעריסן און אויסגעווארצלט דעם פארצווייגטן יידישן בוים, אפגעווישט, צעריבן און איִם אויסגעגליכט מיט דער ערד. צערינען איז אלץ ווי א חלום. אבער אזא טיפער אמת — א נצחיות פון א קהילה קדושה טאר

נישט בלייבן פארשוויגן. פארלענדט איז דאך נאר געווארן דער בלויזער גוף — דער פארמעגט, אבער די נשמה — די אותיות שוועבן איבער אונדז, איבער דעם פארזיגעלטן סוד פון אונדזער אומקום. די איינציקע ירושה — די בלעטלעך פון דעם דאזיקן בוך זענען מצבות און דאס בוך גופא — דער אוהל, דער פנקס פון דער רזשישיקיווער קהילה קדושה.

א געשיכטע פון טייכן:

על נהרות בבל, על נהרות ווייסל און צוריק צום ירדן.

נישט איינגענומען האט זיך די שונאים אונטער־צושניידן דעם גאנצן יידישן קיום. די איינצלנע איבערגעבליבענע שפענער און צווייגלעך פון אלטן שטאם, וועלן זיך צונויפוואקסן און ווידער אויפלעבן דאס יידישע לעבן.

אלס זכר און מצבה שרייב איך דאס קאפיטל געשיכטע פון אונדזער שטעטל, א מאנומענט פון דער שיינער פארגאנגענהייט.

כבוד דיין אנדענק, שטעטל רזשיקיוו.

יצחק גוטוויין.

# דאָס שטעטל

# אַ בליק אויף מיין שטעטל

מה טובו אהליך יעקב משכנותיך ישראל (במדבר, כ״ד)

דאָס שטעטל דזשיקיוו — טאַרנאָבזשעג — האָט אויסגעזען ווי אַלע קליינע יידישע שטעטלעך אין גאַליציע: צונויפגעוואַקסענע נידעריקע און איינשטאָקיקע הייזלעך מיט פענצטער און באַלקאָנדלעך, הייזלעך מיט קלייטן אַרום דעם מאַרק. דער קייסער־וועג האָט געשפּאָלטן דעם מאַרק, צעטיילט אים אויף צוויי גלייכע טיילן, זיך אַ דורכגעריסן דורך די ענגע געסלעך, געעפנט זיך אַ וועג לענג אויס צו אַן אַנדערן, שכנותדיקן ישוב.

יידן פלעגן שטיין אויף די שוועלן פון די קלייטן קוקן צי עס שטעלט זיך אָפּ אַ פּויעריש פורל, צי אַ פּויער וועט קומען עפּעס קויפן און פאַרקויפן, צי עס וועט זיין אַ משא־ומתן. אַ זייטן־וועג פון מאַרק האָט דערפירט ביז צו דער באַן־סטאַציע מיטן קליינעם וואָגזאַל. פון ביידע זייטן האָבן זיך געפונען נידעריקע הילצערנע הייזלעך, וואָס האָבן זיך געצויגן ווייט־ווייט הינטער דער שטאָט. דער פּאַרקער פון דעם דאָזיקן זייטן־וועג איז געווען אַ באַלעבאַטער: בעלי־עגלות אויף זייערע דראָזשקעס פלעגן וואַרטן געדולדיק אויף פּאַסאַזשירן. אַנדערע בעלי־עגלות פלעגן ווידער ברענגען פון דער באַן אָנקומענדיקע פּאַסאַזשירן פון דער פרעמד. ווייבער מאַרק־הענדלערקעס זענען געזעסן אויסגעזעצט ביי פולע אָפּעלקעס און קויבערס פרוכטן, געגעבן רופן קונים אויפן קול:

„יידן, קויפט עפּל... פלוימען... פון די הויפישע סעדער.”

אין מאַרק ביי דער לייםענער פיגור פון באַרטעק גלאָוואַצקי מיט

דער אויסגעשטרעקטער קאסע, זענען געזיצן יידישע טרעגערס און געדרימלט אויף זייערע טרעגער־זשעגלעך. זיי זענען געווען באַוואַרטע מיט גרויסע איינגעמעליקטע בערדלעך אויף זייערע אויסגעדאַרטע פּנימער, איינגעבויגענע, אַרומגעגאַרטלטע מיט שטריק. סאַנע טרעגער, אַ הויכער מיט אַ שאַרפן בליק פון אונטער גרויסע ברעמען, שטאָלץ מיט זיין טרעגער־פּרנסה, האָט זיך קיינמאָל נישט געאיילט, יעדער שריט איז ביי אים געווען אויסגערעכנט און טייער. ביי שווערע משאות האָט ער זיך צוגעהאָלפן מיט זיין שטאַרקן קול. ער פלעגט מער שרייען ווי הייבן, אַרומקאָמאַנדעווען מיט די טרעגערס און געהאַט דאָס גרעסטע וואָרט ביים פאַרגלייכן זיך מיט די סוחרים.

ער פלעגט זאָגן צו די טרעגערס:

„זאָלן זיי צאָלן... מיר זענען אויך יידן, מיר דאַרפן אויך אויף שבת."

בערל פלעק — וואָס האָט זיך גאָר נישט אַריינגעפּאַסט צווישן די טרעגערס מיט זיין ווייסער באָרד און פּאות, — האָט זיך אָנגערופן:

„אַוודאי... אַוודאי, ביזט גאָר גערעכט, סאַנע."

דער שטאַרקסטער צווישן די טרעגערס איז געווען ליבושל, אַ דיקער און אַ נידעריקער. צו אַלע שווערסטע משאות האָט ער קיינעם נישט צוגעלאָזט. כאָטש דער פאַרדינסט איז געגאַנגען אויף שותּפות און זיך אַריינגעמישט:

„מען טאָר נישט רייסן ביי יידן קיין געלט... וויפל זיי געבן, דאַרף מען נעמען. לאָמיר דאַנקען גאָט פאַרן היינטיקן טאָג."

און אַז עס איז אָנגעקומען עפּעס צו טראָגן --- איז ליבושל באַלד אַרויפגעשפּרונגען, גענומען דעם פּאַק שלעפּן אַלץ אַליין, אויף זיין שטיינער אונטערן אָרעם, אויף דער פּלייצע.

זוי נישט גרויס אונדזער שטעטל איז געווען, האָט עס זיך געטיילט אויף קליינע קוואַרטאַלן. דער צענטער פון שטאָט איז געווען דער מאַרק מיט די געמויערטע הייזער, אויף אַ טייל זענען געווען אַרויפגעצויגענע שטאָקן. אין דער זייט איז געווען דער קליינער מאַרק, אַרומגערינגלט מיט קליינע האָלצענע און געמויערטע הייזלעך, אַזאַ סאָרט פאַרשטעטל.

באַזונדער, אָפּגערוקט, זענען געשטאַנען האַלצענע הייזלעך מיט קרומלעכע ווענט, מיט נידעריקע שפּיציקע דעכער באַדעקטע מיט שינדלען און שוואַרצער פּאַפּע. קליינוואַרג פון די דאָרטיקע חדרים פלעגן אַרומלויפן און לעבעדיק־מאַכן די שמאָלע געסלעך פון דער דאָזיקער געגנט, וואָס האָט געטראָגן דעם נאָמען „רולקעס". אָט דער טייל שטאָט איז געווען באַוואוינט פון אָרעמע לייט: מלמדים מיט חדרים, טרעגערס, שניידערס און שוסטער־ס. אויך האָט זיך דאָרט געפונען דער הקדש מיט אביונים, זקנים, וועלכע האָבן תמיד גע־שריגן, געקריגט צווישן זיך.

נעבן דעם אַלטן בית־עלמין מיט דער אַרומגעצוימטער מויער פון רויטע ציגלען, וואָס איז געווען פול מיט הויכע צעוואַקסענע ביימער, מיט נעסטן פון שוואַרצע קראָען, מיט אָפּגעריבענע אַלטע האַלצענע מצבות באַוואַקסענע מיט מאָך — איז געשטאַנען די שול. אַקעגנ־איבער איז געווען דאָס בית־המדרש און די אַלטע מקוה, וואָס איז געוואָרן אין לעצטן יאָר פאַרן קריג אויפגעפרישט מיט מאָדערנע איינריכטונגען.

•

אויפן בית־המדרש־פּלאַץ, וואו עס איז געשטאַנען אַ שורה מיט כשרע יאַטקעס, דערציילט מען נאָך, איז מיט פיל יאָרן צוריק געווען אַ וואַסער. ביי דער זייט האָט זיך געפונען אַ בערגל, וואָס איז נאָך פאַרבליבן ביז היינטיקן טאָג, אויף וועלכן עס איז געשטאַנען דאָס נידעריקע האַלצענע הייזל פון אליעזר טישלער. מיט דעם דאָזיקן בערגל איז פאַרבונדן אַ שטיק טראַגישע יידישע געשיכטע, וואָס זקנים האָבן נאָכדערציילט פון זייערע זיידעס, איבערגעגעבן פון מויל צו מויל, די גרוילדיקע פּאַסירונג, וואָס דאָס שטעטל האָט אַדורכגעלעבט אין דעמאָלטדיקער צייט און מפורסם געוואָרן מיט אַ בייזוויליקן עלילת־דם, וועלכער האָט געמאַכט אַ רעש, אויפגעציטערט די יידישע אַרומיקע געגנט.

...געווען איז עס מיט אַן ערך פון צוויי הונדערט יאָר צוריק אין דער צייט פון בעש"ט. פּלוצעם איז פאַרשוואונדן געוואָרן אַ קריסט־לעך קינד. בליץ־שנעל האָט זיך צעטראָגן די ידיעה אין דער גאַנצער געגנט צו די קריסטן. מען האָט געפאָרשט, געזוכט דאָס קריסטלעכע

קינד אויף אלע וועגן, אבער אן דערפאלג. מען פון ציטער און פחד האט איבערגעלעבט די יידישע באפעלקערונג. שטעטלדיקע קריסטן און פויערים פון די ארומיקע דערפער, אויפגעהעצט פון פינצטערע עלעמענטן זענען אויפגעברויזט געווארן פון צארן און שנאה און געווארפן די גאנצע שולד אויף די יידן. די דעמאלטדיקע דזשיקיווער גרעפין, וואס איז געווען דער מושל איבערן שטעטל, האט געהייסן נעמען דורך אירע משרתים די פינף שענסטע יידן און זיי פארשפארן אין דער קילעכדיקער בודקע אין מארק. מען האט זיי געפייניקט מיט יסורים, אז זיי זאלן זיך מודה זיין אין פארכאפן דאס קריסטלעכע קינד... אן עת־צרה, א מרה־שחורה האט איינגעקלאפט דאס שטעטל יידן, ווען זיי האבן זיך דערוואוסט, אז די דזשיקיווער גרעפין האט ארויסגעגעבן א בעפעל אומצוברענגען די פינף שענסטע יידן. אין בית־המדרש האבן געברענט גאנצע טעג ליכט, מען האט געזאגט תהילים, מען איז גוזר תענית געווען. יידן האבן זיך געלאזט פארן צום בעש״ט, אים דערציילט וועגן דער ראזיקער עת־צרת און געבעטן אים ער זאל מתפלל זיין. דער בעש״ט האט זיי געזאגט:

„עס איז שוין צו שפעט... דער אורטייל איבער די אומשולדיקע יידן איז שוין אויסגעפירט.”

טרויעריקע זענען די יידן אהיימגעקומען. אויפן בערגל ביים וואסער האט די דזשיקיווער גרעפין געהייסן מאכן אירע משרתים א שייטער־הויפן און געלאזט פארברענען די פינף שענסטע יידן, די קדושים. ביים צעשיטן זייער אש אויפן וואסער איז א ביסל פון דעם אש איר אריין אין די אויגן און זי איז אויפן ארט בלינד געווארן. אין א קורצער צייט דערנאך האט זיך דאס קריסטלעכע קינד אפגעפונען. ארויסגעוויזן האט זיך, אז דורכפארנדיקע ציגיינערס האבן עס געהאט פארכאפט. נאכן אויפגעדעקטן שקר־בלבול איז די גרעפין באלד געשטארבן; זי האט איבערגעלאזט א צוואה, אז אירע יורשים זאלן אייביקע יארן געבן אין ווינטער פון אירע וועלדער האלץ פאר יידישע ארעמע לייט און פסחדיקן ווייץ אויף מצות... און אזוי איז טאקע די צוואה אפגעהיטן געווארן ביז די לעצטע יארן.

מיט אן ערך צוואנציק יאר צוריק איז ארויסגעגעבן א גרויסע

שרפה אין דעם דזשיקיווער אַלטערטומלעכן גרעפישן שלאָס. עס איז פון אים געבליבן נאָר ווענט. עס זענען אין אים פאַרברענט געוואָרן פיל מענטשן פון הויף. עס האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז אין דעם ראַזיקן יאָר האָט זיך דער יונגער גראַף פאַרגליסט נישט צו האַלטן די צוואה פון דער דזשיקיווער גרעפין און אַזוי אַרום געוואָלט פּרואוון אַפּלייקענען און אָפּווישן דעם שענדלעכן פאַקט, מיט וועלכן דער הויף האָט זיך שטאַרק געשעמט.

# תשעה־באב

א באַזונדערן אויסזען האָט געהאַט דער שטאָט־מאַרק מיטוואָך, אין אַ יריד־טאָג. פּויערישע פורלעך, וואָס האָבן געבראַכט מיט זיך תבואה, גרינצייג און עופות, האָבן זיך אָפּגעשטעלט אין מיטן מאַרק, אַנטקעגן די יידישע קלייטן. יידן פלעגן גערן קויפן די צוגעשיקטע מציאות לכבוד שבת, זיך געדינגען, אביסל דערלייגט און מען איז אַדורכגעקומען.

אַז ערב תשעה־באב איז גראָד אויסגעקומען אין אַ יריד־טאָג, האָבן זיך די פּויערים און די פּויערטעס צוגעקוקט מיט גרויס פאַרוואונדערונג, וואָס די יידן זענען פלוצעם אַזוי אייליק געוואָרן צו פאַרמאַכן זייערע קלייטן. נאָך נישט אַלץ האָבן די פּויערים און פּויערטעס באַוויזן איינצוקויפן. זיי זענען געשווינד געלאָפן פון איין שפּיין און שניט־קלייט צו אַן אַנדערן און דערביי געזאָגט:

„אַ זשידאָווסקע שוויענטע.”

די יידן האָבן זיי געגעבן צו פאַרשטיין, אַז היינט איז ערב תשעה־באב און נישט קיין יום־טוב. די פּויערים און די פּויערטעס האָבן געהויבן מיט די פּלייצעס און אַלץ נישט געקענט משיג זיין, הלמאי, יידן איילן זיך... דערזעענדיק די פאַרהאַמערטע קלייטן מיט די פאַרזאָרגטע פנימער פון די יידן, איז אויך זיי אָנגעפאַלן אַן אומהיימ־

לעכקייט. זיי זענען ארויף אויף די פורן און פאַרלאָזט דעם מאַרק. עס איז געוואָרן צוריק אַ ריין יידיש שטעטל, יידן האָבן אָראָפּגע־וואָרפן פון זיך די טאָג־טעגלעכע וואָכעדיקייט צוזאַמען מיט די וואָכעדיקע מלבושים און אָנגעטון די אַלטע פאַרלאַטעטע קאַפּאָטעס, זיך גלייך געזעצט אויף איבערגעקערטע שטולן, איטלעכער ביי זיך אין שטוב עסן די סעודה־מפסקת, באַשיט מיט אש, אלם זכר לחרבן... פון אַלע זייטן מאַרק האָבן זיך יידן געלאָזט אין די זאָקן, טייל אין די לאַטשן, אין דער זייט, וואָס פירט צו דער שול און אין בית־המדרש. אינעווייניק איז אַלץ געווען איבערגעקערט, אַ חוץ דער שולחן און די צוויי גרויסע ליימענע אויוונס. עס האָט דערמאָנט דאָס פאַרשוועכטע און צעראַבירטע בית־המקדש דורך די רוימערס... אונטער דעם אַ איינדרוק זענען די געמיטער געוואָרן נאָך מיין צע־בראָכן און מיט פאַרצערטע הערצער האָט מען זיך אַוועקגעזעצט טרויערן נאָך דעם טייערסטן און הייליקסטן ביים יידישן פאָלק. דער שטאָטישער חזן איז געזיצן צווישן עולם יידן אַ פאַרדבקהטער, אויף אַ שטאָלץ פון אַ איבערגעדרייטער באַנק, מיט אַ ליכטל אין האַנט, און פון זיין טונקל ברוינער באָרד האָבן זאָפּי־געבראַכט קלאָגעדיקע איכה־תנועות:

„איכה ישבה בדד העיר...”

עס האָט זיך געדוכטן ווי דער נביא, דער מקונן, ניסט אויס זיין האַרץ אין די דאָזיקע עלעגיעס און מיט זיין וויינענדיק קול רופט ער אַרויס ימים טרערן ביים אַרומיקן עולם, וואָס זינקט אין טרויער אויפן חורבן פון זיין לאַנד און אויפן בית־המקדש... דאָס שטעטל איז געווען איינגעהילט אין פינצטערניש פון דער נאַכט, דער הימל איז געווען אַ טונקל פאַרוואָלקנטער. די עטלעכע נאַפט־לאָמפּן, וואָס האָבן באַלויכטן דעם מאַרק זענען געווען אויך פאַרלאָשן. די אַרו־מיקייט האָט מיטגעטרויערט.

אויף די נידעריקע שוועלן ביי די קלייטן האָבן זיך צונויפגענומען שכנים, דערציילט זיך מעשיות פון רבים און גוטע יידן און סתם זכרונות פון אַמאָליקע פאַסירונגען, וואָס האָבן זיך געטראָפן אין דאָזיקן טאָג פון תשעה באב מיטן יידישן פאָלק: ווי דער חורבן פון ערשטן און צווייטן בית־המקדש... פאַרשידענע מלחמות... שווערע

גזירות אויף יידן... דאס אלץ האט זיך פארצויגן ביז נאך חצות מיט פיל בענקשאפט נאך אונדזער הייליק לאנד, מיט פיל בטחון אויפן בנין בית־השלישי.

צו מארגנס פרי זענען די שול און דער בית־המדרש געווען אנגעפילט מיט מענטשן, דער נעכטיקער צער איז געלעגן נאך אויסגעגאסן אויף אלע יידנס פנימער. נאך די קינות האט דער עולם געמאכט אן הקפה ארום דעם אלטן בית־עלמין.

פארן בית־המדרש האט זיך פארזאמלט א רעדל יידן, מיט ר׳ אליעזר מרדכי יונהס, וועלכער איז געשטאנען אין מיטן און דערציילט א וואונדערלעכע מעשה באריבות. אלע פאר מינוט האט ער צו אן אנדערן געזאגט:

„כאפט נישט... לאזט אויסרעדן.”

ר׳ אליעזר מרדכי יונהס איז געווען צופרידן, וואס זיי זענען נייגיריק אויפן סוף פון זיין דערציילן. ער האט זיך צעשפרייט נאך מער, געלאסן נעצויגן א לאנג שטרויען ציגארשפיצל און איינציקע ווערטער, איינגעוויקלטע אין רויך־פעדעמלעך זענען אים ארויסגעפלויגן פון מויל. פאר יעדן וואָרט האט ער נישט פארפעלט צו געבן א פארצי, און עס האט זיך געדוכטן, אז דאס ציט ער ארויס די מעשה פון ציגארשפיצל... קונה שם געווען האט זיך ר׳ אליעזר מרדכי יונהס מיט זיינע מעשיות, משלים און סתם גוטע ווערטלעך, וועלכע ער פלעגט האבן צו דערציילן ביי יעדער געלעגנהייט, צי ביים פיר־לערנען משניות, צי ביים מדרש מיטן עולם. אויף א יעדער זאך האט ער געהאט א מעשה שהי׳. אז ר׳ אליעזר מרדכי יונהס א ז געקומען צו וועמען מבקר חולה זיין, איז עס אויך נישט געווען סתם אזוי פון יוצא ווערן. דא האט ער אויסגעזוכט מעשיות פון בעסטן, וואס ער האט פארמאגט. אלע האבן אים אויסגעהערט מיט שפאנונג. ער האט פארפלאכטן אין געשיכטע מיט א צווייטער. אז דער חולה אליין האט פארגעסן פון אלע זיינע יסורים. און עס האט אויף אים געווירקט בעסער ווי אלע דאקטוירים מיט זייערע רעצעפטן. אין טאג פון תשעה־באב האט ר׳ אליעזר מרדכי יונהס געהאט איין רגילות צו דערציילן מעניינא דיומא: פונעם בית־המקדש, ווי עס האט אויסגעזען ביי דער עבודה, די גרויסקייט פון שלמה המלכס

שמיל מיט די גאלדענע ליבן, געדענקט אויסצוהעבענען אלע מלכים פון בית־ראשון ביזן סוף בית־שני, געשילדערט דעם חורבן, ווי עס באשרייבט יוסיפון, ווי טיטוס הרשע האט אנגעצינדן דעם בית־המקדש, און עס האט זיך געדוכטן, אז מען זעט דאס פייער באלייט מיט קנוילן רויך פון זיין מויל מיטן שטרויענעם ציגארשפיצל...

# דער בית־המדרש

דער בית־המדרש איז געווען דאס געליבטעסטע און טייערסטע ארט, וואס האט געצויגן צו זיך אלע איינוווינערס פונעם שטעטל. יעדער איינער האט געהאט א חוב און געשפירט א נויטווענדיקייט צו שליסן דעם טאג מיט א מנחה־מעריב. ביי פראנגרעסיווע און פרייזיניקע איז עס געווען סתם פון רגילות, אזוי זיך צו טרעפן מיט באקאנטע און פריינד. פיל מענטשן זענען נאך געקומען פריער פאר מנחה, יידן יודע ספר האבן געכאפט אריין דערווייל א שטיקל גמרא, ווער א פרק משניות, אז עין יעקב... סתם יידן האבן געשמועסט וועגן פארשידענע שטעטלדיקע ענינים, פון פאליטיק. דאס בית־המדרש איז געווארן אנגעפולט מיט מתפללים, מיט שיינע יידן מיט בערד־אין לאנגע קאפאטעס, אין שווארצע פלושענע קאפעלושן. זיי האבן פארנומען דעם אויבן אן — איטלעכער אויף זיין „שטאט", וואס ער האט באקומען בירושה. די לאנגע טישן און בענק פון ארום זענען געווארן באזעצט פון בעלי־הבתים: אויף דער מזרח־באנק, דער לאנג יאריקער פרעזידענט פון קהל ר' יהושעלע אסט. א שיינער־בכבודיקער ייד אין שטעטל, אלע קהלשע ענינים זענען אדורכגע־גאנגען דורך זיין האנט. ער האט אנגעפירט מיט זיצונגען אין דער קהלה, אזוי צו זאגן אויף א פארלאמענטארישן שטייגער. אבער פארט געשטעלט אויף זיך:

„אזוי דארף עס זיין און פארטיק."

נעווען איז ער א זקן, געהאט א הדרת־פנים, שטענדיק געגאנגען אנ־

געשפארט אויף א שטעקעלע, מיט א הנאה געגלעט זיין צעשפרייטע גרויע בארד און זיך געזעצן פאסנדיק פארן צוגעטיילטן כבוד. נעבן ארון־קודש איז געזיצן ר׳ שבתי נוסבוים, אויך א זקן, געציילט זיך צווישן די גרעסטע גבירים, נעבען אים, זיין זון ר׳ מלך, כמעט דער גרעסטער תלמיד־חכם פון שטעטל. יעדער האט אים ליב געהאט מיט זיינע פקחותדיקע רייד, צו א יעדער זאך האט ער צוגעפאסט א פסוק אדער א מאמר חז״ל. פון זיין שיחת חולין האבן יידן שטארק הנאה געהאט. ר׳ מלך האט זיך בכלל נישט געוואלט מישן אין פאליטיק, קיינמאל נישט געוואלט ווערן קיין ראש־הקהל. אין די לאנגע ווינטער־נעכט איז ר׳ מלך געזיצן ביז שפעט און געלערנט מיט זיין זון. סוחרים האבן זיך אויסגעשמועסט געשעפטלעך. בינו לבינו אריינגעכאפט א קדושה:

„קדוש, קדוש, קדוש...״

דערנאך האבן זיך געמאכט רעדלעך יידן און מען האט געשמועסט ווייטער.

•

נאך הינטן ביי דער טיר פון בית־המדרש איז געשטאנען בערל משמש — א יונגער־מאן מיט א קליין שווארץ בערדל ארום א פארזארגט פנים מיט פארגאפטע אויגן. נעבן אים א האלצענער קרוג מיט א צאפן. אז מען האט אים דערלאנגט א פאר גראשן, האט ער אנגענאסן א גלעזל... וואס פאר א משקה דאס איז געווען, האט קיינער נישט געקענט דערגיין... דאס אויסזען פון דער משקה איז געווען אזוי ווי שווארצע קאווע, אויך א ביסל זיסלעך, און א פארזויערטן געשמאק האט שוין אריינגעגעבן די קרוג גופא... בערל משמש אבער האט געזאגט און זיך כמעט געשוואוירן, אז דאס ווייב זיינס לייגט אריין עפעלעך אויך און אויף דעם סמך האט ער א נאמען געגעבן די משקה „יאבלאניק״. האבן טאקע יידן געטרונקען באין ברירה. אויך האט מען באקומען ביי אים א גלעזל אויסגעזאטענע קיילעכדיקע ארבעס. טיילמאל האבן יונגעלייט געהאט צו אים א טענה:

„הא, בערל, וואס זענען עפעס היינט די ארבעס אזוי פארגליטשט?״

ער האט געענטפערט:

„איך בין נישט שולדיק... געבליבן פון געכטן... נישט פארקויפט... כילא, ארויסווארפן איז א שאד, עס קאסט דאך געלט, מען קען נישט קאבן קיין פרישע... מען דארף דאס אלטע אויספארקויפן.״ אט פון דעם א מסחר — האט בערל משמש געצויגן פרנסה פאר זיין בני־בית. ער איז נישט געווען קיין דזשיקיווער, ער האט געשטאמט פון א דארף. געקומען קיין דזשיקיוו און געווארן משמש ביים יונגען רב. אין א צייט ארום האט ער חתונה געהאט מיט א טאכטער פון א מלמד פון די „רולקעס״. גערופן האט מען דעם מלמד נישט אויף זיין אייגענעם נאמען, נאר אויף זיין שווערס נאמען: ר׳ אייזיקס איידעס, דעם מלמדס ריכטיקן נאמען האט קיינער אין שטעטל נישט געוואוסט. נאר זייענדיק אין די מיטליארן, האט ער אויסגעזען ווי א ייד, וואס האט שוין לאנג אריבערגעשטיגן די שבעים; א נידעריקער מיט א ברייטער טונקל־גרויער באָרד, שטענדיק געהאלטן די אויגן אראפ, אפילו ווען ער פלעגט רעדן צו וועמען האט ער אויך נישט געקוקט אויף יענעם. נישט בחינם האט דאס גאנצע שטעטל אים אריינגערעכנט צו די ל״ו צדיקים. א ייד א תמים, א מלמד געלערנט מיט קינדער פון פארשידענעם עלטער, איינגעטיילט אין כיתות און באוויזן צו לערנען מיט אלע ביי איין טיש. קיינמאל זיך נישט געפרעגט אויף קיין שכר־למוד, נישט געקענט צומאל קיין צורת המטבע, מיט געלט פלעגט זיך פארנעמען זיין ווייב ראכציע, די רביצן, וועלכע האט אויך געלערנט מיט קליינע מיידלעך אלף בית און ברכה זאגן.

*

א מורעה אויף דער מיר האט אנגעזאגט, אז נאך מנחה־מעריב וועט א מגיד זאגן א דרשה. דער עולם האט שוין גוט געקענט דעם דאזיקן בעל־דרשן, וואס פלעגט קומען א פאר מאל אין יאר. דער געוועגלעכער עולם האט גרויס הנאה געהאט פון זיינע דרשות און אויסגעהערט אים ביזן סוף.

דער מגיד איז געווען א הויכער, א ברייט־פלייציקער, א גברן, מיט א לאנגער ברוינער באָרד און א ברייטן רבישן גארטל אויף דער לאנגער שווארצער קאפאטע, מיט א סאמעטן פוליש היטעלע אויפן קאפ. טאקע ער אליין האט גופא געשטאמט פון קאנגרעס־פוילן,

פון יאנאוו. ער האט זיך צוגעשארט צו דער מזרח־וואנט זיך ארויפגעשטעלט אויף א באנק נעבן ארון־קודש און אנגעהויבן מיט די ווערטער:

„איי, איי, טייערע יידישע קינדער... וועך עס קוקט אריין מיט אפענע אויגן אין דער סדרה פון דער היינטיקער וואך, דער זעט באשיינפערלעך ווי דער „גואל צדק שטייט ביי די טויערן פון אייער שטעטל — און אט, אט, אט, קומט ער אן..."

ער ברענגט צו א מדרש:

„אט האט איר, יידישע קינדער ראיות ברורות..."

א גרויסער קינסטלער אין חשבון, שטעלט ער צוזאמען די פסוקים מיט אנדערע פסוקים און מיט דער הילף פון גמטריאות אין פרפר־אות קומט אים ארויס בולט, אין וועלכער צייט דער הייליקער משיח דארף אנקומען, וועך רעדט נאך, אז ער האט זיך אריינגעלאזט אין חכמת התכונה, מיט די שטערן און מזלות, דא איז שוין אלץ קלאר געווארן — און דער עולם, א צופרידענער, האט זיך צוגעהערט מיט שפאנונג. אין שטעטל פלעגט מען אים רופן: „דער מגיד, וואס ברענגט משיחן."

יידן לומדים, תלמידי־חכמים, האבן נישט געהאט קיין ספעציעלע הנאה אים צו הערן דרשהנען. ר' אברהם אלי' קעסטנבוים, א ייד מיט א שווארצער בארד, מיט א שארפן דאווענישן בליק, וואס מען האט אים געהאלטן אין שטעטל פאר א חריף, זיך מפלפל געווען מיט אנדערע שטעטלדיקע לומדים ווי מיט ר' מלך נוסבוים און דוד ווארשאווסקי, וועלכן מען האט געהאלטן פאר א בקי—ער ר' אברהם אלי' קעסטנבוים איז געשטאנען ביים ספרים־שאנק, פארטיפט אין א שווערן ענין אריינקוקנדיק אין א גמרא, געזוכט און געבלעטערט. — פלעגט קלאפן אין דערנעבנדיקן טיש און שרייען:

„גענוג! א סוף! מען איז דאך מבטל יידן פון לערנען!..."

דער מגיד האט פארענדיקט די דרשה בכי טוב, ארויסגענומען פון דער מנורה א שטיקל ליכטל, אוועקגעשטעלט זיך ביי דער טיר און יעדער בעל־הבית האט דערלאנגט אים עפעס אין דער האנט...

עלטערע יידן, סוחרים, בעלי מלאכות פון דער חברה משניות האבן גרויס הנאה געהאט פון זיינע דרשות, נאך מער פון זיינע מגידישע

משלים און חסידישע מעשיות, פון בעש"ט, פון שפאלער זיידן, פון דובנער מגיד... זיי האבן געקוואלן פון אזא ייד, וואס געדענקט אזוי אלץ אויפן קאפ. זיי וואלטן נישט מיד געווארן הערנדיק אים גאנצע נעכט, זיי האבן געהאט שטארק פאראיבל:

„הלמאי מען האט אים איבערגעריסן די דרשה."

זיי האבן זיך אויסגעזעצט די דאזיקע זקנים מיט די ווייסע בערד ביי לאנגע טישן ווי חדר־יינגלעך, לערנען דעם פרק משניות, וואס איז געווען איינגעפירט אפצוהיטן א יעדן טאג. פירלערנען פלעגן די בעסטע בחורים ־ לומדים; ביי איין טיש, ליפא פרייזער, און ביים צווייטן טיש קלמן הויזער. גרוים דרך־ארץ האבן געהאט יונג און אלט פאר ליפא פרייזער, וועלכער האט מיט זיין לערנען פאר־קלונגען דאס בית־המדרש, געלערנט שעורים, גמרא און תוספות מיט אנדערע בחורים. ער האט געהאט א שארפן זכרון, אויך א ידיעה אין וועלטלעכע למודים, אבער זיין הויפט חיות האט ער געהאט ביים לערנען. זיינע שווארצע אויגן האבן געלויכטן, זיין ליכטיק פנים האט געשטראלט פון דעם שלל אויפטועכצער אין סברות. ער איז געווען א צייט ראש־ישובה אין דער רזשיקיווער קלויז אין טארנע.

*

ביי א לאנגען שמאלן טיש זענען געזיצן אויסגעזעצט בחורים מיט פאות, א טייל מיט קורצע בערדלעך, וואס האבן ערשט נישט לאנג אנגעהויבן שפראצן, ביי אפענע גרויסע ש"ס־גמורות און געלערנט געשמאק, הויך אויפן קול, מיט א מתיקותדיקן גמרא־ניגון, וואס האט זיך צעטראגן איבערן גאנצן בית־המדרש. ביי אן עק־טיש זענען געזיצן ארעמע לייט, איבערגעציילט די קליינע גראשנס אנ־געקליבענע פון א גאנצן טאג, אייניקע האבן געגעסן זייער ארעם נאכט־מאל — פון טרוקן ברויט מיט שטיקלעך הערינג. זיי האבן דערציילט זיך דערביי אויסטערלישע מעשיות, וואס זיי איז אויס־געקומען דורכצומאכן אין וואנדערונג. א מוכר־ספרים האט צוזא־מענגעלייגט זיין סחורה — די טליתים, ציצית, מזוזות, ספרים און מעשה־ביכלעך, זיי פארפאקט אין זעק, פארבונדן מיט שטריק, ווייל צו מארגנס אין דער פרי קלויבט ער זיך פארן אין א שכנותדיק



א גרופע יונגע בית-המדרש-בחורים —
תלמודי חכמים פון לעצטן דור אין דזשיקיוו

שטעטל. דער שמש ר׳ משה מיטן ווינטערהיטל אויפן קאפ, וועלכן מען האט קוים ארויסגעזען דאס פנים, איינגעהילט אין א ווייבער־רישן שאל האט זיך געלאזט ניין פארשליסן דאס בית־המדרש און געווענדט זיך צו די בחורים:

„שוין צען ביי נאכט... א מיראדיקע קעלט, א בייסנדיקער פראסט אין דרויסן."

זיי האבן געענטפערט:

„גיין, ר׳ משה... פאר חצות גייען מיר נישט א היים."

אין דרויסן איז געווען א טבתדיקע נאכט, די לבנה א גאנצע, די שטערן, אפילו די ווייטסטע, האבן זיך געוועזן, א ווייסע ליכטיקע נאכט, דער פינקלענדיקער שניי אויף דער ארומיקער ערד און אויף אלע קענסטאנדן האבן אוגעגעבן א בלויע העלקייט. די צוויי גרויסע ליימענע אויוונס אין בית־המדרש האבן שוין לאנג פארלוירן זייער ווארעמקייט. די שלאפנדיקע אורחים, צוגעדעקט מיט זייערע צעריסענע מלבושים, וואס זיי האבן געטראגן, זענען געלעגן גע־

קורטשעט פאר קעלט, מידע פון א גאנצן טאג ארומגיין אין די הייזער נאך נדבות. זיי האבן געכראפעט און געבלאזן אזוי ווי צום טאקט, צוגלייך מיטן קלאפן פון גרויסן וואנט־זייגער, וואס האט שוין געהאלטן נאך חצות. די בחורים האבן פארמאכט די ש"ס גמרות און זיך געשארט א היים.

# די גרויסע שול

דאס אויסערלעכע אויסזעען פון דער שול האט מיט זיך פארגעשטעלט ווי א פעסטונג אין אלטע צייטן. די שול איז געווען העכער איבער אלע הייזער פון שטעטל. אירע גלאטע גראבע מויערן האבן געטראגן א בלעכענעם דאך, האבן געהאט אין זיך לאנגע פארהונדיקטע פענצטער מיט קליינע שויבן.

אין דער שול, אויף דער מזרח־וואנט זענען געשטאנען דער ארון־קודש, פארהאנגען מיט א רויטן פלושענעם פרוכת, דער עמוד, אין מיטן איז געווען דער באלעמער ארויפצוגיין אויף טרעפ. אויף די ווענט זענען געווען אויסגעמאלט תנ"כישע פראגמענטן פון אלטע יידישע היסטארישע צייטן: ווי פרעה יאגט נאך די יידן, ווי יידן בויען פתאם און רמסס, ווי יידן שטייען ארום דעם פלאמענדיקן בארג סני, דער בית־המקדש, יידן זיצן ביי די טייכן פון בבל, די מערת־המכפלה, דער קבר רחל, אויפן באלקן אלע צוועלף מזלות און אין מיטן דער לויתן איינגעדרייט מיטן עק אין מויל... קינדער זענען שטארק באזארגט, ער זאל נישט אמאל אין א וועלכער נאכט, פאר מידיקייט, אדער סתם אזוי ארויסלאזן, דעם עק פון מויל און מאכן א תל פון דער וועלט... ביי עלטערע יידן האט דער לויתן דערוועקט חשק טועם צו זיין פון אים... האט טאקע די שול געשמט אין דער גאנצער געגנט. איר בוי האט געהאט אפגעקאסט א מטמון מיט געלט און איז געווען ווי א צירונג פאר גאנצן שטעטל. אבער נישט אלע בעלי־הבתים האבן דא געדא־

וועגט. די שול האט זיך געהאט אירע אייגענע בעלי־הבתים, וואס זענען באשטאנען פון פשוטע יידן, בעלי־מלאכות מכל המינים: בעקערס, שניידערס, בעלי־עגלות און א גרויסע משפחה פון קצבים, וועלכע זענען אויך געווען כוהנים. ר׳ נתן קצב איז געווען א שטארקער ייד, מיט א הדרת־פנים און מיט א לאנגער ברייטער גרויער בארד. ווען עס איז געקומען א רגל איז ער ארויף דוכנען אויפן העכסטן טרעפל פון ארון־קודש, הינטער אים אלע זין און איי־ניקלעך, ער האט געשעפט נחת פון זיין משפחה, וואס איז אויסדער־וויילט צו בענטשן דאס פאלק ישראל. עס זענען געווען אין שול מער ווי א צענדלינג כהנים, נאר אלע זענען בטול געווארן קעגן ר׳ נתן קצב מיט זיינע זין און אייניקלעך. נישט בחנם האט מען אים גערופן דער כהן־גדול... ווען דער חזן האט געגעבן א זאג:
„כהנים" —
האט ר׳ נתן קצב זיך געגעבן א לאז אין דער הייך אויף די אויבערשטע טרעפ און געענדיקט די ברכה מיט א לאנגען ציענדיקן —
„ב — א — ה — ב — ה!"
און טאקע אריבערגעשטיגן אלע אנדערע כהנים. א גרויס צופרי־דנקייט איז געווען אויסגעגאסן אויף זיין פנים, ווען ער האט פון איבערן קאפ אוועקגעמאכט דעם טלית און אלע האבן געוואונטשן:
„יישר כוח — יישר כוח — כהנים."
און ער האט געדאנקט און געלויבט אין הארצן, וואס ער איז א כהן... פארט א חשובות און הינטערוויילעכץ האט ער זיך געשארט אוועק פון ארון־קודש, פון דער עבודה.

•

דער לאנג־יאריקער גבאי פון שול ר׳ לייבטשע קארנבליט איז געווען א ייד מיט א ברייט שמייכלדיק פנים, מיט אן אויסגעקעמטע בארד, תמיד אויסגעפוצט מיט א גאלדן קייטל אויפן בויך. ער האט געפירט א גרויסע בעקעריי אויף דער באן־גאס. קיין נחת האט ער פון פאך נישט געהאט. עס איז געווען ביי אים צו חולדיק. מכלומרשט זיך נישט געמישט, געהאלטן געזעלן, דאך איז אלץ געגאנגען אויף זיין נאמען. אבער נישט געקוקט אויף אלץ האט ר׳ לייבטשע קארנבליט זיך געשפירט ווי א חשוב אין שטעטל: געגעבן צדקה

מיט א ברייטער האַנט, אַרעמע יידן האָבן ביי אים גענעסן שבתים און אין דער וואָכן. די שול און דאָס גבאות אין וועלכע ער האָט זיך געשפּיגלט, האָט אים כמעט געמאַכט פאַרגעסן אין דער פּרנסה. תמיד איז ער געווען לוסטיק. צווישן מענטשן האָט ער אַלע מאָל געהאַט ניים צו דערציילן, א גוטן וויץ, א מעשה. פון דעם האָט ער געהאַט א הנאה, וואָס מענטשן האָבן אויסגעהערט זיינע רייד. שבת האָט ער געטראָגן א שטריימל, געקומען צום טיש פון יונגען רב, געשטעלט משקה, געטאַנצט א ריקוד צווישן די שיינע חשובע יידן פון שטעטל.

•

גאָר א חשוב צווישן די שול־בעל־הבתים איז געווען ר׳ אליעזר רבילע, כאָטש זיין צינאָמען „רבילע", האָט געקלונגען לצנותדיק. וואָ־־עם פלוצעם, פון וואַנען נעמט זיך דער דאָזיקער צינאָמען? הגם אין א קליין שטעטל איז נישט קשה, עס איז גיכער מיין וואונדער, ווען איינער לעבט זיך אוים די יאָרן אָן איין צינאָמען. עס איז דאָך אַנדערש נישט מעגלעך, אבער א נאָמען מוז דאָך האָבן א מקור, מוז דאָך זיין עפּעס צוגעפּאַסט, ער זאָל זיך האָבן אויף וואָס צו האַלטן. נאָר עס איז גענוג איין בליק צו טון אויף דעם ייד און איר וועט בשום אופן נישט גלייבן, אַז דער ייד קען זיך אומגיין ביי א פערד, פּאַבן מיט דער בייטש צוגלייך מיט אַנדערע בעלי־עגלות. מיט זיין געדיכטער באָרד און געקרייזלטע פּאות ווי לאָקן ביי דער זייט פון א פרום פּנים, אַנטגעגן די הויכע, יונגע בעלי־עגלות, האָט זיין נידעריקער וואוקס אויסגעזעען נאָך קלענער. געדאַוונט האָט ער א יעדן אינדערפרי מיטן ערשטן מנין, אַרויס־געפאַ־ן צו דער באַן מיט אויסגעפּוצטע שטיוועלעד, אַלץ האָט ביי אים געבלאַנקט, אויפן וועג צוגעזאָגט פּרשת־המן... פּרשת־היראה... תפילת הדרך. אַלע בעלי־עגלות, האָבן פאַר אים געהאַט גרויס דרך־ארץ און צוגעפּאַסט אים דעם נאָמען רבילע... וואָס פאַר א סכסוך עס איז אויסגעקומען צווישן זיי, זענען זיי נישט געלאָפן צום דין, זיי האָבן געזאָגט:

„קומט, לאָמיר פרעגן דעם רבילע... ווער עס איז גערעכט."

און אַזוי איז עס געבליבן ווי ר׳ אליעזר האָט געפּסקנט.

נישט א יעדע שטאט האט געהאט אזא בעל־עגלה ווי ר׳ אליעזר רבילע.

דאס וויכטיקסטע ארט אין דער שול האט פארנומען ר׳ אלי׳ שמש... בשעת דאוונען האט ער זיך געדרייט אויפן באלעמער אין דער היך. צו זיין פאטריארכאלישן אויסזעען, מיט דער ווייסער לאנגער באָרד און ברייטן הויכן נעשטעל איז נישט געווען קיין גלייכן צו אים אין שטאט. ער איז געווען שמש נאך פון אלטע צייטן און ביז לעצטנס געהאלטן זיך יונג, געגאנגען שטייף, פעסט, נישט גע־בויגן.

יעדן פרייטאג פארנאכט איז ער ארומגעגאנגען דעם מארק און גע־קלאפט מיט א האלצענעם האמער, אויסגעקלאפט דריי קלעפ ביי איטלעכער טיר פון קליט. א ייד האט א מאל געפרעגט ביי ר׳ אלי׳ שמש, ער זאל מגלה זיין דעם סוד אויף וואס זענען מרמז די דריי קלעפ, וואס ער טוט אויסקלאפן אין א יעדער טיר. אויף דעם האט געענטפערט ר׳ אלי שמש:

„קיין סודות האב איך נישט... עס איז גאר פשוט... דער ערשטער קלאפ באדייט צו פארמאכן די קראמען, דער צווייטער — די נשים זאלן ליכט־בענטשן די שבת־קודש־ליכט, און דער דריטער קלאפ רופט אין שול אריין."

און פיל יארן האט ער אזוי אדורכגעפירט אלע שבתים אין שטעטל מיט זיין טראדיציאנעלן מנהג.

## עמוד נגינה

נעשמיץ האט אונדזער שטעטל מיט בעלי־תפילות און גוטע חזנים. אייניקע מיט שיינע שטימען און קאלאראטורן, אנדערע נאך האבן געהאט א מין טעם אין זאגן, אויסקלאפן א ניגנדל צום טאקט, גלייך

ווי פון נאטן ארויס און אלין אויפן חסידיש־בעל־הבתישן שטייגער אז קונצן, אן חזנישע געדרייעכצער, נאר זיין פאלקסטימלעך.

אין א שבת אדער א רגל איז געווען וואס צו הערן. דער גאנצער עולם האט מיטגעזונגען. יעדן האט עס מיטגעהויבן. א יום־טוב־דיקע צופרידנהייט האבן אלע אין זיך אריינגעזאפט. אז עס האט זיך פארגליסט א בעל־תפילה אריינצומישן דעם חזן יאסעלע דאזנ־בלאטס באקאנטע שטיקלעך, פון א „כבקרת” מאכן א „ממקומך”... כאטש יעדער האט געוואוסט, אז עס איז „איבערגעניצעוועט”, איז עס אבער קונציק איבערגעדרייט און אלע האבן א הנאה, א נחת־רוח געהאט.

די ווייבער, וואס האבן געדאווענט אין הער הויך, אין דער ווייבערי־שער שול, האבן זיך גאר נישט געקענט אויסלויבן. זייער צופרידנ־הייט איז געווען אין לשער, ווען ביים עמוד איז געשטאנען — ר' אברהמטשע שליסל. פון זיין שיין זינגען און בטעמט קול, וואס האט זיך ארויסגעדרייט פון האלדז ארויס ווי פון א פלייט און דער־צו האט מען געהערט פשוט איטלעכס ווארט, זענען זיך מחי', אז זיי ווייסן ווי מען האלט און קענען מיטדאווענען מיטן עולם. עס זענען געווען אזאלכע, וואס האבן געזאגט:

„ער איז ראוי צו דאווענען אין בית־המקדש...”

פארן בעסטן בעל־תפילה האט די שטאט געהאלטן דעם שטאטישן חזן ר' יוסף הערש, וועלכער האט געשמט אין דער גאנצער געגנט מיט זיין כאר, וואס איז באשטאנען פון זיינע זין און אויך יונגע יינגלעך פון שטעטל מיט קוויטשענדיקע קולעכלעך שיינע סאפראנ־לער. אז ער פלעגט זיך מיט זיי אוועקשטעלן פארן עמוד, איז דאס געזאנג געווען ווי א געמיש פון פארשידענע כלי זמר... ער אליין האט צוגעבאסעוועט מיט זיין געזעצטער שטימע. א יונג קולעכל האט געזאגט א סאלא און עס האט געדובטן ווי א פויגעלע זינגט שירה... א שטילקייט האט געהערשט אין בית־המדרש. אלעמענס אויגן זענען געווען געווענדעט צום עמוד מיט גרויס אינטערעס, צום חזנס נוסח און זיסע תנועות, וועלכער ער האט ארויסגעגעבן מיט א שטארק געפיל, ממש פון היכל־הנגינה.

ער איז געווען א גרויסער בעל־מנגן, א קאמפאזיטאר, געקענט נאטן,

האט פארפאסט אליין פארשידענע שטיקלעך, נגונים און מארשלעך, וועלכע זענען געזונגען ביי אנדערע בעל־תפילות. אויף א גוטער זאך פלעגט ער זאגן:

„עס איז לעילא ולעילא."

א גרויסן חוש פאר נגינה האבן געהאט אונדזערע שטעטלדיקע בעל־הבתים און טאקע געוואוסט אפצושאצן און פלעגן זאגן אויפן חזן:

„ער איז א צווייטער זיידל ראוונער."

א גאנץ יאר האבן זיי נאכגעזונגען ימים נוראימדיקע שטיקלעך און ספעציעל פון דער עבודה, וואס ער האט אויסגעטאקט מיט גרויס מתיקות. ער איז געווען אויך א סופר, שטענדיק געזיצן ביי פאר־מעטענע יריעות און געשריבן ספרי־תורות.

# געשטאלטן

# ישראל' דער מילכיקער

א גרויער פרימארגן האט אפגעשיידט די נאכט־טונקלקייט אין וועלכער עס איז געווען איינגעהילט דאס שטעטל; דער הימל איז געווארן פון מינוט צו מינוט בלאסער, אראפגענאסן א טאג־ליכטיקייט, וואס האט גענומען אפשווענקן און פארטרייבן די טונקעלע שאטנס פון דער נאכט. עס האט זיך צעטראגן איבערן גאנצן שטעטל א מין הילכיק געקלאנג פון הויכע בלעכענע קאנען. דער אפקלאנג האט זיך אנגעשלאגן אין די אלטע מארק־מויערן מיט א פארברייטערטן ווידערקול. א יעדן איז שוין געווען באקאנט די קליינע פאדקאווע־טריטלעך פון דעם נידעריקן פערדל, וואס האט אויסגעזען ווי אן אייזעלע, די נישט געשמירטע רעדלעך פונעם קליינעם וועגעלע, וואס זענען אונטערגעשפרונגען אויפן שטיינערנעם וועג און זייער קרעכצן האט זיך צונויפגעמישט מיטן קלאפן פון די בלעכענע קאנען. אזוי איז אריינגעפארן ר' ישראל דער מילכיקער א יעדן באגינען מיט דער יעלביקער פויקעריי — א חוץ שבתים און ימים־טובים. עס האט זיך געדוכטן, אז אלץ ארום שטייט און ווארט, אפילו דער טאג שארט זיך נישט ארויס פריער, ביז ער הערט די מוזיק פון ר' ישראל דעם מילכיקערס כלים. ער איז געווען א ייד א זקן, נישט געוואוסט אפילו דעם חשבון פון זיינע יארן... נאך די שבעים האט ער אויפגעהערט ציילן, און פלעגט זאגן:

„צו וואס נאכרעכענען; עס איז גאנץ קלאר ביים אויבערשטן."

ארום זיין דאר פנים מיט דער געבויגענער נאז איז געווען א שיטער פלאקסן בערדל, וואס איז געווען א מאל געלבלעך. אליין איז ער געווען, ר' ישראל דער מילכיקער, א נידעריקער, איז אים צוגעשיקט געווארן א קליינע דארע קלאטשע, ער זאל זיך מיט איר קענען אומ־

גיין, זי זאָל נישט דאַרפֿן קיין כּח האָבער עסן און אַ נידעריק קליין זוענעלע, בלויז אויף די בלעכענע קאַנען. ער אַליין איז געזיצן פֿאַרנט, אויף דער קעלניע, געהאַלטן די פֿיס אויפֿן דישעל, געשמיסן מיטן בייטשל און געשאָלטן אויף יידיש די קלאַטשע, ווען זי האָט נישט געוואָלט גיין:

„רשע... שד... עמלק... אַז אויסציען זאָלסטו דו זיך באַלד און גיך.״ יידן מיט טליתים־זעקלעך אונטערן אָרעם האָבן זיך געאיילט דורכן מאַרק, דורך די שמאָלע געסעלעך, וואָס פֿירן צום בית־המדרש. פֿון אַלע זייטן האָבן זיך אָנגעהויבן עפֿענען לאָדנס פֿון פֿענצטערס, און טירן פֿון די קליטן.

ר׳ ישראל דער מילכיקער האָט צעטראָגן די קאַנען מילך אין די הייזער. אין אַ יעדער שטוב האָט ער עפּעס נייס צו דערציילן, אַלץ, וואָס ער הערט זיך אָן פֿון פּויערים אין די שכנותדיקע דערפֿער; — אַ מאָל אַ יקרות, אַ מאָל אַ זול, אַ שווערער ווינטער, עס גרייט זיך אַ קריג... דערביי האָט ער אויך נישט פֿאַרגעסן צו באַרימען, אַז זיין מילך איז די בעסטע, אָן אַ שום חשד. ער פֿלעגט דערציילן:

„אַז איך קום צו פֿאָרן אין דאָרף אַריין, שלאָפֿן זיי נאָך די פּויערים... וועק איך זיי אויף. מיינט איר, אַז עס גליסט זיך זיי אויפֿצושטיין? דאַן שרייען זיי אַרויס צו מיר:

„סרולקו, ביזט געקומען צו פֿרי... לאָז דיין ושרובעקל אַ ביסל זיך פּאַשען.״

בינו לבינו כאַפּ איך אַריין אַ יידיש וואָרט... אַפּגעפּאַרטיקט איז איין שטאָל, גיי איך מיר אין דעם צווייטן אַזוי ווי דער דין איז...״ אַזוי האָט ר׳ ישראל דער מילכיקער פֿאַרזאָרגט אונדזער שטעטל מיט בשרע מילך, קיין מאָל נישט פֿאַרשלאָפֿן, תּמיד געקומען צו דער צייט.

# מלמדים און חדרים

קליינע יינגלעך ווען זיי זענען אַלט געוואָרן דריי יאָר, האָבן מאַמעס זיי געפֿירט אין חדר אַריין גלייך צו ר׳ יעקל נוחס, דעם דרדקי

מלמד אין דער באַנגאַס. ער האָט געהאַט אַ ספּעציעלע מעטאָדע במשך אַ קורצער צייט אויסלערנען קינדער, וואָס קענען עברי ווי „אַ וואַסער" און זאָלן זיין פעאיק אַריבערגיין אין אַ העכער חדר, צו אַ גרעסערן רבין... צו אים זענען טאַקע אַנגעקומען כמעט אַלע קינדער פון שטעטל. געשמט האָט ער אַלס וועלטענער אַלף־בית־ספּעציאַליסט. ער איז געווען אין די מיטעלע יאָרן, מיט אַ קליין גרא בערדל און געטראָגן גראָבע שפּאַקולן, וואָס זענען געווען אַראָפּגערוקט מער אויף דער נאָז ווי אויף די אויגן. ער איז געווען אַ קליינשטעטלדיקער דרדקי־מלמד פון פּאַרצייטישן שטייגער, אויך דער חדר אַליין, דאָס איינציקע שטיבל וואו ער האָט געוואוינט מיט זיין בני־בית האָט אַזוי אויסגעזעהן. אָבער דאָס מלומדות פאַר זיך האָט ער געפירט אויפן „מאָדערנעם שטייגער". פלעגט שטאַרק מקפּיד זיין די קינדער זאָלן אים נישט רופן רבי נאָר לערער. אויסגעשטעלט די קינדער צו צוויי אין אַ ריי, און אַדורכמאַרשירט מיט זיי דעם גאַנצן מאַרק. די קינדער האָבן געשטראַלט פאַר גליק. אויסגעזען האָט עס ווי אַן אויספלי אין ל"ג־בעומר. אין אמתן אָבער זענען זיי געגאַנגען קריאת־שמע־לייענען צו אַ קימפּעטאָרן. ר' יעקל נוחם האָט מיטגענומען די „שיר המעלות־לעך" און אויפגעהאַנגען אויף אַלע פיר ווענט. ער האָט געזאָגט מיט די קינדער „המלאך הגואל" און געטיילט יעדעמען צו פּאַלעבעס און מאַנדלבלעך.

די איבעריקע דרדקי־מלמדים פון שטעטל האָבן אים פשוט מקנא געווען, ווייל האָבן נישט געטאָרט גיין קריאת שמע־לייענען מיט די קינדער, נאָר יעקל נוחם, וואָס האָט געהאַט שוין אַ חזקה דערויף און אַזוי אַרום צוגעצויגן קינדער מיין ווי אַלע אַנדערע מלמדים.

באַלד אַקעגנאיבער איז אויך געווען נאָך אַ דרדקי־חדר. שיעלע האָלץ־העקער, האָט געהייסן דער מלמד. ער איז געווען אַ נידעריקער, מיט אַ געל בערדל, שטענדיק געגאַנגען אין אָפּגעטראָגענע מלבושים. צו אים פלעגן אַנקומען בלויז אָרעמע קינדער פאַר אַ גאַנץ קליינעם שכר־לימוד. מיט די אָרעמסטע האָט ער געלערנט אינגאַנצן בחנם. בלויז פון מלומדות האָט ער זיך נישט געקענט

מפרנס זיין און געמוזט זוכן אנדערע פרנסות: געהאקט האלץ ביי ייִדן, ארומגעטראגן חתונה־בריוולעך איז שטעטל, אַז הזמנה, אז התרעת בית דין, הושענה רבה פארקויפט שענות פארן בית־המדרש, סוכות ארומגעגאנגען אין די בעל־הבתישע הייזער מיט אַן אתרוג, כדי די ווייבער זאלן קענען אתרוג־בענטשן, פורים געטראגן משלוח מנות פון איין ייד צום אנדערן. פון דעם אלעם פלעגט ער ברוחק האבן פרנסה. אפגעלערנט מיט די קינדער, האט ער זיי אפגעפירט א היים און מיטגענומען א האק, ווייל צוריק־וועגס פלעגט ער אפ־טרעטן ביי א וועלכן בעל־הבית, אריינגעקוקט אין זיין גארטן, גע־זען ליגן שטיקער האלץ, האט ער עס גלייך צעהאקט, קיינער האט אים נישט געהייסן און אפילו זיך נישט משווה געווען. אז שיעלע האלץ־העקער האט שוין צעהאקט מער ווי די גרעסערע העלפט האלץ איז געקומען די בעל־הביתטע, זיך געבייזערט אויף אים, הלמאי ער טוט עס אַן איר וויסן... שיעלע האלץ־העקער האט עס נישט געאַרט דאס בייזערן, געווישט זיך מיטן אַרבל דעם שווייס פון שטערן, געשמייכלט און געזאגט:

„איך גיי א דורך אַ יידס גאָרטן און זע ליגן גראבע שטיקער האלץ, לאזט עס מיך נישט גיין ווייטער... באצאלן מוז נישט זיין היינט... ווען איר וועט האבן, וועט איר מיר געבן. עס איז מיר גאנץ קראנט. איך גיי קוקן צום פעסל, טאמער איז עס ליידיק דארף מען עס אנפילן מיט וואסער.”

די בעל־הביתטע האט געשמייכלט, ארויסגענומען פון אונטערן פארטעך עפעס א מטבע און געזאגט:

„א גוטן טאג... גייט אייך געזונטערהייט...”

עטלעכע מאל האט ער א צופרידענער געשמייכלט צו דער מטבע:

„א גוטן טאג. א גוטן... נאך אזעלכע צוויי פארדינסטלעך און עס איז שוין דא אויף שבת צו מאכן.”

*

קעגנאיבער דעם בית־המדרש איז געשטאנען א האלצערן הייזל, מיט א דאך פון שינדלען, פול אנגעוואקסן מיט מאך. מען פלעגט עס רופן דאס הקדש, ווייל טאקע א מאל מיט פיל יארן צוריק האט עס געדינט פאר א הקדש... די לעצטע יארן אבער האבן גע־

וואוינט דריגען גאנץ בכבודיקער ייד. אין דעם האלצערן הייזל האט געהאט א חדר ר' שיע כאיר מלמד פאר גרעסערע קינדער, וועלכע זענען ארויס פון די דרדקי־חדרים און ארײן צו אים... ער האט געטראגן א שווארץ אפגעטראגן קאפעלושל און א פארלאטע־טע קלאטענע קאפאטע, געהאט א שיינע, נישט אויסגעקעמטע ברוינע בארד און פלעגט נישט ארויסלאזן דאס פאפיראסל פון מויל, תמיד צוגעטראגן די פינגער צו די ליפן און געצויגן, געלאזט אומאנגענ־געמע ריחות פון געמיינסטן מאכארקע־טיטון. ער האט געקנעלט מיט די קינדער חומש רש"י ווי גאר קיין מלמד אין דער וועלט. אז קינדער מיט פארשטאפטע קעפ — ווי ער פלעגט זיי אנרופן — האבן נישט פארשטאנען עפעס א טייטש־ווארט פון חומש, איז ער געווען עלול דעם טייטש פון חומש־ווארט צו אילוסטרירן, צו באַ־ווייזן, אז זיי זאלן פארשטיין. עס האט זיך געטראפן, אז א יינגל, ווען עס איז געקומען אין מיטן דער וואך, האט נישט געוואוסט דעם טייטש פון ווארט „וילד", פלעגט ער שפרינגען מיט וועלנערישע טריט איבער דער גאנצער לענג פון חדר און אויסשרייען:

„וילד... און ער איז געגאנגען... געגאנגען... געגאנגען..."

דאן האט ער אויפגעמאכט די טיר פון חדר, גלייך זי צוגעמאכט און געזאגט הויך אויפן קול:

„ויבא... און ער איז געקומען... געקומען... געקומען..."

אזוי האט ער ארייגעקריצט אין די קינדערשע קעפלעך דעם טייטש פון ווערטער. אז קינדער האבן אזוי שנעל נישט געוואוסט דעם טייטש פון ווארט „דם" האט ער מיט בעם געמען זיך א ביס אין פינגער:

„נא... האט איר בלוט, בלוט... דם־בלוט!"

בכלל איז ער געווען א זעלטנהייט פון א מלמד. מעשיות האט ער געקענט דערציילן אן א שיעור. קינדער האבן נישט געוואלט צוגיין לערנען אן א מעשה, און ער פלעגט מוזן דערציילן מעשיות: פון רויבערס, ארענדארן, קייסער־מלכהס וכדומה. די קינדער פלעגן פון דעם גרויס הנאה האבן מיין ווי פון לערנען.

דער גרעסטער חדר איז געווען ביי ר' אפרים מלמד. ער האט גע־

לערנט אין רבס בית־המדרש מיט דערוואקסענע יינגלעך גמרא מיט תוספות. צוגעזונגען מיט א ליטווישן גמרא־ניגון, פון וועלכן די תלמידים האבן געהאט שטארק הנאה און טאקע אויסגעכאפט א יעדעס וואָרט מיט חשק. ביים לערנען זענען אלעמענס־אויגן געווען געווענדעט צו אים, ווי ער שטייט ארומגעגארטלט, מיטן פוילישן סאמעטן היטל זיינס אויפן קאפ, פון וואונטער וועלכן עס האט זיך ארויסגעוויזן א שטיק קאפל. מיט זיין שארפן בליק האט ער אריינגעדרונגען טיף אין די תלמידימס נשמות. מיט דער האנט האט ער געפירט איבער זיין צעשטראלט פנים און ארומגענומען זיין שווארצע באָרד. זיין התלהבות־דבקותדיק לערנען האט די תלמידים שטארק באגייסטערט. געשטאמט האט ער פון קאנגרעס־פוילן פון שכנותדיקן שטעטל צוזמיר. אין דער יוגנט האט ער געלערנט אין פארשידענע ליטווישע ישיבות און געווען דער בעסטער תלמיד פון דער בארימטער מירער ישובה. דעמאלט האט ער שוין געשמט אלס עילוי. ער האט התונה געהאט און פאר קיין פרייז אין דער וועלט נישט געוואלט איינעמען קיין כסא דרבנות, האט ער זיך גענומען צו מלמדות. בחורים ביז צו אכטצן יאר האבן געלערנט ביי אים גמרא מיט תוספות. במשך א צייט פון זעכצן יאר האט ער געלערנט אין אונדזער שטעטל, אויפגעשטעלט תלמידים לומדים — תלמודי חכמים. ביים לערנען איז ער קיינמאל נישט מיד געוואָרן, קיינמאל נישט געזאגט גענוג, נישט געלערנט אויף דער צייט, נישט אויפן זייגער, ביז א מידיקייט פלעגט באפאלן די תלמידים, אדער די שקיעת החמה האט באריסן דאס לערנען. אנגעבייזערט זיך אויף א תלמיד אבער באלד געשמייכלט. קיין שום ענינים זענען אים נישט אנגעגאנגען, נאר זיך געזיצן אין די ד' אמות של הלכה, אויסגעמיטן אינגאנצן פון עולם־הזהדיקן לעבן, בלויז געהאט א חיות אין לערנען. נאכן ענדיקן דאס לערנען מיט די תלמידים פלעגט ער זיך ארומדרייען אין הויף איינער אליין, פארשטעקט די הענט אין גארטל און געמוחט... דערנאך פלעגט ער זיך צוכאפן צום שאנק ספרים, געבלעטערט, געזוכט ביז ווייט אין דער נאכט אריין. געווען איז ער דער רבי פון גאנצן יונגען חסידישער דור, פונדעסטוועגן איז ער געווען א גרויסער עניו, פיינט געהאט כבוד,

נעדאַווענט שטענדיק ביי דער טיר, צווישן פּראָסטע ייִדן, און זיך צעוויינט מיט זיין השתפכות הנפשדיק דאַווענען. אַלץ האָט ער געטאָן מיט התלהבות.

איינער וואָנדער־ווער נאָכן אַרויסטרייבן די ייִדן פון שטעטל אין יאָר 1939 האָט ער געשפּאַנט מיט התלהבות און געזאָגט:

„ייִדן, דער גלות האָט זיך געדרייט פון אָרט."

# ר׳ פּיניע קירשנבוים

צווישן די חשובסטע בעלי־הבתים אין שטעטל האָט פאַרנומען אַ באַכבודיק אָרט — ר׳ פּיניע קירשנבוים. אַ ייִד מיט אַ לאַנגער גרויער באָרד, וואָס האָט זיך פאַרענדיקט מיט אַ שפּיץ, זיינע צוויי גרויע זילבערנע פּאות האָבן צוגעגעבן חן צו זיין ברייטן הדרת־פּנימדיקן אויסזעען און הויכן וואוקס. ער איז וויים נישט געווען קיין גביר, אָבער דאָך אַלעם געפירט אַ שיין בעל־הבתיש לעבן. תמיד איז ער געווען אַ מסתפק במועט. ער האָט געהאַט אַ הויז אין מאַרק, אַ קליין קלייטל און געצויגן דערפון חיונה. געהאַלטן האָט מען אים אין שטעטל פאַר אַ פּיקח, פלעגן מענטשן צו אים קומען נאָך עצות אין פאַרשידענע ענינים, ווי אויסגלייכן אַ סכסוך, אַ בורר־רות, אַ יעדן נעראַטן און געגעבן אַ קלאָרע תשובה. אפילו אין פאַר־פּלאָנטערטע קהלשע ענינים, האָט ער מיט זיין רעציזיוונדיק וואָרט אַריינגעבראַכט קלאָרקייט.

אין ימים־נוראים איז ער געווען אַ מוספדיקער בעל־תפילה. ער פלעגט זיך אַוועקשטעלן ביים עמוד און אַרום אים זיינע זין און איידיקלעך. עס איז נישט פאַרהאַנען געווען קיין בעסערס און שענערס אויף דער וועלט, ווי אים צו הערן. דער עולם איז ממש געווען באַצויבערט פון בלויז די ימים־נוראימדיקע תנועות זיינע, מיין ווי ביי אַנדערע בעלי־תפילות אין שטעטל. זייענדיק שוין אפילו אין די עלטערע יאָרן האָט ער איבערגעשטיגן די טענער פון זיינע זין און איידיקלעך — די משוררים און אויסלאָזן פלעגט ער ממש אַ

שאגת הארי, ער האָט געזאָגט — מלכות... זכרונות... שופרות... מיט אַזאַ מין טעם און ביים אויסציקלען יעדן ונאמר... האָבן יידן צוגענומען אַ שטיק כוח. בכלל האָט ער זיך צעוויינט ביי פּאַרשי־דענע שטיקלעך, נאָר שטאַרק ביי — מפּני חטאינו... אַז די יידן, וואָס אַ גאַנץ יאָר זעט מען זיי נישט אין בית־המדרש, נאָר בלויז אויף ימים־נוראים, זענען אויך געוואָרן טיף גערירט און מיטגע־ריסן. תּמיד איז ער אַוועקגעגאַנגען פון עמוד אויסגעווייקט, אַפילו דער טלית מיטן קיטל פלעגן זיין פייכט. קינדער האָט ער געהאַט ממש פּערל. אַלע זין, גרויסע בני־תּורה, אהבת ישראל איז געווען ביי זיי אויפן ערשטן אָרט. אַז עס פלעגט קומען אין שטעטל אַריין אַ בעל־הבתּישער ייד, אַ יורד אויף הכנסת־כּלה, אָדער סתּם נאָך געלט, האָבן שוין ר׳ פּיניעס זין געזען, אַז דער ייד, דער יורד זאָל חלילה נישט דאַרפן גיין אין די הייזער... זיי האָבן גלייך געשאַפן געלט, געגעבן אים אַ מתּן בסתר און דער ייד איז מיט אַ פריילעך האַרץ ווייטער זיך געפאָרן זיין וועג.

ווען די דייטשן ימח שמם האָבן אונדז אַרויסגעטריבן פון שטעטל, איז ר׳ פּיניע קידשנבוים מיט זיין משפּחה, ווי דאָס רוב יידן פון שטעטל, געגאַנגען קיין מזרח־גאַליציע און זיך באַזעצט אין קאָ־לאָמיי.

ווען דייטשלאַנד איז פּלוצעם אָנגעפאַלן אויף סאָוויעט־רוסלאַנד און בליץ־שנעל פאַרכאַפּט די שטעט, איז זיי נישט מעגלעך געווען זיך צו עוואַקואירן. האָט זיי אויך געטראָפן דער זעלבער גורל ווי די מיליאָנען אַנדערע יידן און געוואָרן אַוועקגעריסן צוזאַמען מיט אַלע פון אונדזער פאָלק.

## דער שטאָט־פאַרזאָרגער

ר׳ אליעזר האָט אַלעמען פאַרזאָרגט. מען האָט אים גערופן אין גאַנצן שטעטל, ר׳ אליעזר דער זייגערמאַכער. כאָטש שוין צענד־ליגער יאָרן, ווי ער האָט זיך שוין נישט פאַרנומען מיט זיין זיי־

גערמאכער־פאַך, דאָך האָט ער געטראָגן דעם נאָמען ביז לעצטנס. ווען ער איז דורכגעלאָפן דעם מאַרק, האָט אים כמעט יעדער וואָס האָט אים געזען אונטערגעטראָגן:

„גוט מאָרגן, ר׳ אליעזר."

ער איז נישט געווען קיין גביר, נישט קיין יחסן, אויך נישט קיין גרויסער למדן און פאָרט האָט ער אַרויסגערופן דרך־ארץ ביי איט־לעכן פאַר זיין בלב ונפש איבערגעגעבענער אַרבעט: פאַר תומכי עניים, בקור־חולים און פדיון שבויים.

זעלטן ווען איז ער געגאַנגען, נאָר געלאָפן. זיין ברייטע צעפלאַ־שעטע באָרד איז געווען צעשפּרייט. א ייד אין די עלטערע יאָרן, קיין מסחרים האָט ער נישט געפירט, שטענדיק האָט ער זיך געיאָגט און קיינמאָל נישט געהאַט קיין צייט. דאָס אַלץ צוליב טובות הכלל־זאַכן.

אַז עס פלעגט זיך מאַכן א מאָל אויף א שבת, אַז עס זענען אָנגעקו־מען א פּאָר צענדליגג אָרעמע לייט צו אונדז אין שטעטל האָט ישוין ר׳ אליעזר דער זייגערמאַכער קבלת־שבת נישט געקענט דאַווענען כצבור. אין איין האַנט דאָס טאַבאַק־פּושקעלע און אין דער אַנדערער הויקנדיק צוויישן צוויי פינגער שמעק־טאַבאַק, איז ער געלאָפן פון בית־המדרש אין שול, פון שול אין חסידים־שטיבל און דערביי נישט קשהדיק געשוויצט, ביז עס איז אים געלונגען צו פאַרטיילן אַ־ע אורחים צו די שטעטלדיקע נגידים. די אורחים פלעגן זאָגן:

„אַז ווען נישט די שבתדיקע מאכלים, וואָלט אונדז נישט מעגלעך געווען איבערצוטראָגן די שווערע וואָגלענישן פון די ששת ימי המעשה..."

הערנדיק די דאָזיקע ווערטער, איז ר׳ אליעזר דער זייגערמאַכער אָנגע־פילט געוואָרן מיט פרייד און אויפגעהויבן די הענט צו גאָט, וואָס ער האָט אויך אַ חלק אין מחי׳ זיין יידישע נפשות.

אין די וואָכנטעג איז ר׳ אליעזר זייגערמאַכער געווען פאַרנומען מיט צוטראָגן עסן פאַר אָרעמע קראַנקע יידן, וואָס זענען געלעגן אין שפּיטאָל — און אויך פאַר יידן, וואָס זענען געזיצן אין תפיסה. אַזוי איז ער געגאַנגען טאָג איין טאָג אויס מיט צוויי קיישלעך, מעפּעלעך און קריגלעך איבער די הייזער אויף אָנצופילן זיי מיט

מאכלים, און נאר ווארעמערהייט מיט זיי מחי' נפשות זיין. נישט איינמאל איז ער ארומגעגאנגען זאמלען געלט אויף אויסצולייזן א ייד פון תפיסה... פאר א פארבארגענעם ארעמען — אויף שבת צו מאכן, גאנצע נעכט פלעגט ער וואכן ביי קראנקע יידן. א חוץ דעם אלעמען האט ער געהאט די השגחה איבערן איינציקן עירוב־דראט, וואס האט ארומגעצוימט דאס שטעטל. דער עירוב־דראט האט זיך כמעט יעדע וואך איבערגעריסן. א מאל דורך א שטארקן ווינט, אדער סתם אזוי. אין מערסטן טייל האבן יונגע שקצים, וועלכע האבן געוואוסט וועגן דער דאזיקער געהיימער יידישער דראט, נישט פארשטאנען צו וואס יידן דארפן עס האבן — און אויך להכעיס אדורכגעשניטן.

אזוי האט ר' אליעזר דער זייגערמאכער קיינמאל זיך נישט ארומגע־דרייט ליידיק.

יעדעס מאל ווען מען פלעגט אים אנכאפן, איז ער געווען פארנומען, פאריאגט, צעטראגן, פארדאנהט און אלץ לטובות הכלל, געהאלטן אין איין טון מצוות איינע נאך דער אנדערער.

נישט מער דא דאס שטעטל — נישט דא איר פארזארגער.

# ר" וועלוועלע שליסל

די לעצטע יארן האבן יידן מיין פאליטיקירט, ווי אין אלע אנדערע צייטן. א יעדער איינער האט דאך געהאט אזוי פיל גיים צו דער־ציילן, מיין נאך ווי עס האבן געשריבן די צייטונגען; א יעדער האט געפילט די אנגעשטרענגטע לאגע, דארף מען עס איבערשמועסן און סתם הערן וועמענס א מיינונג, אפשר וועט ווערן א ביסל לייכ־טער אויפן הארצן... א קליינקייט, וואס עס טוט זיך אין אייראפע: היטלער ימח שמו האט באזעצט ווין, איינגענומען טשעכן... אבער פארט זענען פארהאנען געווען יידן, וואס האבן נישט געגלויבט אין קיין קריג. ר' וועלוועלע שליסל האט געזאגט:

„די דייטשן — זיי ליגט נאך דער טעם פון יענעם קריג... געזאגט —

אבער פארשפילט. הינטושע, וואו איז אמעריקע! בקיצר, עס איז זיך נישט דא וואס צו שרעקן. עס איז גלאט פאר זיך אינטערעסאנט. איך האט דאך אוודאי א מאל געשפילט אין שאך — שפרינגט איינער שנעל, פארשפילט ער שנעל... דאס זעלביקע שפילט זיך אן אין אייראפע... מען איז זיי נישט מקנא די דייטשן... פוילן אין דאך אויך נישט אוועקצומאכן מיט דער האנט. איך ווייס נישט וואס עס הייסט קריג. מען גיט זיך אפ פריער א גוטן דין וחשבון... מען קריגט זיך נישט אזוי לייכט ווי איך דוכט זיך. ״

ייִדן פון אַרום האבן געקוקט אויף אים דערשטוינט מיט אויפגערייטערטע הערצער, גלייך ווי אין פנים אריין. זיי האבן געטראכט:

„אפשר איז ער גערעכט, הלוואי זאל טאקע זיין ווי ער זאגט... ר' וועלוועלע שליסל, א געלערנטער מענטש, א פאליטיקער.״

פיל יארן איז ער געווען אין קהל, געהאלטן רעדעס אין בית־המדרש ערב וואלן צום שטאט־ראט, צו דער קהלה אדער צום פוילישן סיים. דאס שטעטל האט אים זער גערן געהאט, וויל ער פלעגט אלץ שטארק קריטיקירן און זאגן דעם אמת א יעדן אין די אויגן.

אין דער קהילה איז ער געווען פון דער אפאזיציע, זיך אפגעשטעלט אויף א יעדן פונקט און כמעט א יעדע זיצונג האט זיך פארענדיקט מיט א היציקער מחלוקה. ער האט געהאט צו זיך א צד, וואס איז אריינגעקומען מיט דער הילף פון „מזרחי״, סתם ציוניסטן, אבער תמיד איבערגעמאכט א מינדערהייט. מיט די אגודיסטישע ראש־הקהל־לייט איז ער געווען אייביקע יארן צעקריגט, נישט חלילה פאר פריוואט־ענינים, אדער וועגן פרנסה און געשעפטלעך, נאר בלויז א פאליטישע שנאה, וועלכע האט זיך געהאלטן אין איין אויפפרישן. ביי יעדער געלעגנהייט איז געשטיגן זיין פארביסנקייט. זיך אליין האט ער געהאלטן פאר דעם „שטאט־שגץ״. ער פלעגט זאגן:

„א שטעטל מוז האבן א שגץ... אין דער גורל געפאלן אויף מיר, וועלוועלע שליסל... מוז מען עס אננעמען באהבה.״

אויך אין שטאט־ראט, וואו ער איז געווען אויסגעוויילט אלס ראטמאן האט ער נישט געשוויגן. ביי יעדער געלעגנהייט האט ער גענומען א ווארט און מיט זיין געזעצטער פוילישער שפראך פארטיידיקט די אינטערעסן פון די יידן כלפי־חוץ. מיט זיין רייסנדיקן קול

האט ער געריסן שטיקער פון די נויאישע ראטמענער. מיט א צוויי צענדליגג יארן צוריק איז דער בירגער־מייסטער, א שונא־ישראל, אראפגעזעצט געווארן פון זיין אמט דורך אים. אויך אין שטאט־ראט האט מען אים פיינט געהאט. דער פארזיצער האט אים תמיד באגרענעצט זיינע אויפטריטן, וועלכע האבן געשטאכן זיי אין די אדערן. טיילמאל איז ער אויסגעשלאסן געווארן פון די שטאט־ראט־זיצונגען פאר זיינע נישט טאקטישע אויסדרוקן, וועלכע ער האט זיי געשליידערט אין פנים, ווייל חנפענען דעם פריץ, האט ער נישט געקענט. ער האט זיין אויפגאבע גוט געהיטן און געשטאנען אויף דער וואך פאר א יעדער יידישער אנגעלעגנהייט. ער פלעגט שטענדיק זאגן:

„אז סתם זיצן האט מען מיך נישט אהינגעשיקט."

ער האט זיך באטראכט פאר א שלוח צבור, וואס וויל נישט מועל זיין בשליחות און טאקע געטון אלץ בשלימות. ער האט זיך דערביי נישט געהאלטן אין גרויסן, א יעדער איינער איז ביי אים געווען א חשוב, געשמועסט שטיל און באשיידן מיט זיינע פילאזאפישע גע־דאנקען, וואס האבן זיך אים תמיד געפלאנטערט אין קאפ נאך פון די יונגע יארן אן.

ביז לעצטנס האט ער נישט אוועקגעלייגט די ספרים פון די הענט. אין דער פרייער צייט האט ער געמישט, געקוקט און אויפגעפרישט. עס איז אים געווען א שאד דאס אלץ געלערנטע צו פארגעסן, תמיד עוסק געווען מיט יונגע בחורים פון בית־המדרש, דאס איז ביי אים געווען דאס גרעסטע פארגעניגן. עס האט זיך אים געדוכט, אז ער איז אזוי יונג ווי זיי, דערמאנענדיק זיך ווי ער האט אין דער ישובה געדורשט נאך עפעס וועלטלעכע למודים און ווי שווער ער האט, בגנבה פארשטעקט, געלייענט די שרייבער און קלאסיקער פון דער יידישער און וועלטלעכער ליטעראטור. ער האט געגעבן צו פארשטיין די טיפע געדאנקען זיינע, וועלכע די געשפיצטע קעפ פון די בחורים האבן שנעל אויפגעכאפט מיט פארוואונדערונג. זיי זענען דערשטוינט געווארן, ווען ער האט דאס אלץ אריינגעלייגט אין א פסוק, געפלאכטן מיט מאמרי חז"ל. דאס איז געווען זיין ציל פון זיין גריבלען זיך אין פרעמדע ליטעראטורן, אויפווייזן, אז אונ־

דזעריע חכמים האבן אט דאס טאקע געזאגט, נאך מיט טויזנטער יארן צוריק... זיין פנים מיט דער געלער בארד האבן דעמאלט געשטראלט פון נחת.

# ר׳ העשל קאנער
# און דער רויטער ישעי׳

צווישן די געזעלשאפטלעכע און פאפולערע פערזענלעכקייטן פון שטעטל האט בלי ספק געהערט ר׳ העשל קאנער. זיין טראדיציא־נעלע רעליגיעזע התנהגות האט באזירט אויף א שיטה, וואס זאל זיין אויסגעהאלטן על פי דין, וואס ווייזט אן דעם דרך הישר. ער האט געזאגט:

„די חסידישע קלות וחומרות נייגן אוועק פון שלהן ערוך.״

ער האט געטראגן א לאנגע בארד, וואס איז געווען צונעשניצט אויף גלייך, אויך זיין קליידונג איז געווען אנדערש ווי פון אנדערע בעלי־הבתים. קיין לאנגע מלבושים האט ער נישט געטראגן, נאר א מאָ־דערנעם אנצוג. וועלכער איז געווען פון בײדע זייטן מיט טאשן באשטעקט מיט צייטונגען און זשורנאלן. תמיד איז ער געווען פארנומען מיט געזעלשאפטלעכער ארבעט, אין די הענט געטראגן פאפירן, אקטן און א שטעקעלע האט געהאנגען אויפן לינקען עלנ־בויגן. ער איז געווען אינטעלעקטועל, דער בעסטער רעדנער פון שטעטל און אויפגעטרעטן מיט רעדעס אויף פייערונגען, באנקעטן, פארזאמלונגען פון אלע ציוניסטישע ארגאניזאציעס. ער איז גע־שטאנען נאנט צום „מזרחי״. אז עס זענען אבער געקומען וואלן צום ציוניסטישן קאנגרעס האט ער תמיד געשטימט פאר די אלגע־מיינע ציוניסטן.

ער האט געטענהט:

„וויל פאר בנין הארץ דארף מען זיך כולל זיין מיט אלע יידן אין איין פארטיי.״

איך דערמאָן זיך ווען איך בין געווען אַ יינגל און געגאַנגען אין חדר. אַהיימגייענדיק האָב איך באַמערקט אויף די הייזער־ווענט רויזיקע קאָלירטע אַפישן מיט גרויסע אותיות, וואָס זאָגן אָן:

„הײַנט וועט רעדן אברהם האַרצפעלד, דער באַוואוסטער ציוניסטן־פירער, וואָס וועט אָפּגעבן אַ גרוס פון ארץ־ישראלדיקן ייִדישן ישוב."

נישט לאַנג געטראַכט, האָב איך אָנגעהויבן לויפן, אויסגעמיטן דאָס הויז וואו מיר האָבן געוואוינט און באַלד זיך געפונען אין גרויסן לאָקאַל פון דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע.

עס איז נאָך צו פרי. דאָס לאָקאַל איז געווען אָנגעפילט מיט יונגט פון אַלע ציוניסטישע פּאַרטייען, אָבער קיין חדר־ייִנגלעך זעט זיך נישט... איך האָב זיך פאַרשטופּט אין אַ ווינקל, מען זאָל מיך נישט אַרויסוואַרפן, זיך אײַנגעהערט צום געזאַנג פון דער התלהבות־פולער יוגנט, וואָס האָט געזונגען העברעאישע לידער מיט מתיקות־דיקע האַרציקע טענער:

בנרת שלי אוי כנרת שלי

הייתי שם או חלמתי חלום...

דערנאָך זענען געווען יונגע לײַט אין אונטערגעריסט אַ בענקשאַפט־דיקע מעלאָדיע:

אוי, אוי... אוי ווי בענק איך אזוי נאָך דיר, ירושלים

אַ מין באַגײַסטערונג האָט מיך אַדורכגענומען, מיטגעריסן. איך האָב אײַנגעזאַפּט אין זיך די ווערטער און געשעפּטשעט מיט די ליפּן. שטיל ווי אַ תפילה האָב איך נאָכגעזאָגט וואָרט בײַ וואָרט:

אוי, אוי... אוי ווי בענק איך אזוי נאָך דיר, ירושלים

אין אַן אַנדער ווינקל זענען געזעסן רעליגיעזע בחורים מיט קאַפּעלושן און געזונגען מיט גרויס געפיל ציטערדיקע טענער:

על אם הדרך שמה מתגוללת

שושנה חכלילת עינים...

מען האָט אָנגעהויבן מיך צו באַמערקן. ווער עס האָט מיך געזען, גיט מיר אַ שטופּ, אַ קניפּ. איך האָב אַלץ פאַרליבגענומען — אַבי מען יאָגט מיך נישט אַרויס. און באַלד וועל איך קענען זען דעם ארץ־ישראל־שליח. מײַנע אויגן זענען געווען בסדר געווענדעט צו



די ,,צעירי מזרחי״ אין דזשיקוו (טאַרנאָבזשעג)

דער טיר. עס האט נישט לאנג געדויערט ווּן אין דער באגלייטונג פון צוויי מענטשן איז ער געקומען. דער גאנצער עולם האט זיך אויפגעשטעלט, מען האט אים צוגעפירט צום פּרעזידיום־טיש. ר׳ העשל קאנער באגריסט דעם חשובן גאסט.

„אברהמעלע הארצפעלד, דו ביזט דאך דאס הארץ פון פעלד... גיב אונדז אפּ א גרוס פון פעלד פון אונדזער הייליק לאנד...״

נאך איידער אברהם הארצפעלד האט באוויזן עפּעס צו זאגן, איז אויסגעבראכן אין זאל א שטורעם אפּלאדיסמענטן. דאן האט ער אנגעהויבן:

אשרינו, אשרינו מה טוב, מה טוב חלקנו...

דער עולם איז מיטגעריסן געווארן מיט דעם הארציקן פריילעכן ניגון. איך האב אויך מיטגעזונגען און זיך מחי׳ געווען מיט די א ווערטער, וואס זענען מיר געווען באקאנט פון דאווענען.

מיט זיין גייסטיקן באגאזש איז ר׳ העשל קאנער געווען שטענדיק גרייט פאר א יעדן איינעם, מיט אן עצה, אנשרייבן א ביטע אדער אינטערווענירן, אויסנוצן זיין פערזענלעכן איינפלוס ביי דער מאכט. זיין פריוואט־לעבן האט ער כמעט אוועקגעשטעלט אין דער זייט. קיין געשעפטן האט ער נישט געפירט, געהאט א פארטרעטונג פון א פארזיכערונגס־געזעלשאפט און פון דעם זיך מפרנס געווען. אויך איז זיין לעבן נישט געווען זער פריילעך. קיין קינדער האט ער נישט געהאט. ער האט זיך אבער תמיד באמיט צו זיין אויפגעלייגט, אויסגעפוצט, מיט א שמייכלענדיק פנים. הירכנייענדיק די גאס, האט אים יעדער באגריסט מיט כבוד. טאמער האט אים ווער אפּגעשטעלט, האט ער יענעם אויסגעהארכט געלאסן, רואיק. איטלעכער האט געשפירט אין אים א פריינד, וועלכן מען קען אלץ פארטרויען... פון דער ציוניסטישער ארגאניזאציע איז ער אויסגעוויילט געווארן אין דער קהילה, אין שטאט־ראט צוזאמען מיט ר׳ וועלוועלע שליסל. די ביידע זענען געווען גוטע חברים און זיך צום בעסטן פארשטאנען אין אלע ענינים.

באזונדערס האט ער ליב געהאט זיך אפּצושטעלן איינטענהן מיטן רויטן ישעי׳, מיט דער רויט־געלער באָרד, וואס איז געשטאנען ביי א סטראגאן מיט פויערישע שיכוואַרג, אריינגעקוקט אין א ספר אדער



א גרופע מזרחי טוער, צוזאמען מיט א קבוצה פון ,,השמר הדתי" אין דזשיקוו.

אין א ציטונג:

„נו ישעי׳... האסט שוין עפּעס געליזט!"

„פון וועמען זאָל איך לייזן, אז מען זעט נישט קיין קונה."

„דאָס איז דערפאר ישעי׳, ווייל דו פאָרסט נישט צו קיין רבין... אז א רבי ווינטשט אַן, גייט עס גאר אַנדערש."

„אוי! לאָזט מיך געמאר, ר׳ העשל... איך וועל שוין נישט פאָרן זוכן קיין תיקון פאר מיינע שיד... ווייל ווען איך זאָל אנהויבן פאָרן צו א רבין וואָלטן פיל חסידים אויפגעהערט צו פאָרן... דעריבער איז גלייבער אזוי... מילא. עס קען דאך נישט זיין קיין וועלט מיט בלויז חסידים... און אז פאַרצייטנס האט מען נישט געוואוסט פון פאָרן צו א רבין, געהער איך הייסט עס צו יענע דורות... מאַלט איך אוים, ווען איך וואָלט געווען אין די צייטן פון בעש״ט, וואָלט איך יאָ געפאָרן, ווייל איך זוך אַן אמתדיקן רבין..."

„זעסט ישעי׳, אז דו ביזט נישט קיין מתנגד... באַטש אין שטאָט האַלט מען דיך פאר א שטאַרקן מתנגד..."

„ציריק ׳געשמועסט וועל איך אייך זאגן ר׳ העשל, אז דאס חסידות האט א סך אויפגעטון פאַרן פּראָסטן עולם, וואס וויקלט זיך איין אונטערן לבוש מיטן נאָמען חסיד און גיט אים אריין א תוכן אין זיין הוילער נשמה... אבער א ייד, א יודע ספר, איז פּטור פון דעם אַלעם... דאָס איך דאָס נעכטן געזאָגט אין בית־המדרש, האט מען מיך פאַרשריגן, אז איך בין א שנא..."

„האסטו דו דאך זיי געקענט ענטפערן — אז א ממזר, א תלמיד־חכם, איז גרעסער ווי א כהן אַן עם הארץ..."

„איך האַלט נישט ביים באַוואָרענען די וועלט... זאָלן זיי נאר מיינען, לשם שמים איז זיכער גוט. איך זעט, ר׳ העשל, עס איז מיר גראד אונטערגעקומען צו לייענען דעם היסטאָרישן ראמאַן „אהבת ציון" פון אברהם מאפו... דאָס לשון איז אזוי מתיקותדיק און עס געפעלט מיר מיין ווי דער היינטיקער מאָדערנער העברעאיש. צו וואס האט מען זיך געדאַרפט ברעכן דעם קאָפּ מיט פרייַע אויס־דריקן און פאַרלירן דאס פּאַלקסטימלעכע לשון פון תנ״ך, דעם הייליקן סטיל, דעם משל מליצה פון די נביאים. זיי זענען אונגרן מבזה. איך מיין די פרייע. איך גיי כמעט ווי איינגעלייגט פאר

חרפה... זע איך דען נישט דעם חלול שבת זייערן און כל מיני עבירות... דאס האָב זיין אונדזער קומענדיקער דור... וואו איז דער אמאָליקער דור, וואס איז אַרוים פון דער ישובה און בית־המדרש, וואס איז געווען אנגעזאפּט מיט ש״ס ופוסקים... אים זעט מען מיין נישט. דער גאנצער יונגער דור האָט זיך צעלאָזט איבער די פאר־איינען, קינדער אַרויסגעשלעפּט פון די חדרים... ווי קען מען צוקוקן און שווייגן צו אזא הפקרות, הגם מיין פּאַרטיי די „מזרחי" גייט האַנט ביי האַנט מיט די ציוניסטן. דאס איז דאָך נאָר צוליב דעם הייליקן ציל פון בנין הארץ..."

אזוי האָט זיך דער רויטער ישעי׳ געהאַלטן אין דער מיט ביים שביל הזהב. דער חסידישער עולם האָט אים געהאַלטן פאַר קאַליע פאַר זיינע געדאַנקען, וואָס ער האָט אויסגעוועבט מיט מאמרי חז״ל און מדרש, הגם עס איז חלילה נישט געווען קיין שום אפּיקורסות נאָר גלאָט אזוי סתם אַן א שום פּאַרוואָס, זענען געווען געאַסרט דעם רויטן ישעי׳ס הרשות. יעדן טאָג האָט ער געפלעגט לערנען מיט בחורים א שעור גמרא מיט תוספות אין „מזרחי"־לאָקאַל און זיין קול האָט זיך צעקלינגען איבערן גאַנצן מאַרק. ער האָט שטאַרק ליב געהאַט ארץ־ישראל. ער האָט מיטגעלעבט מיט א יעדן נייעם קיבוץ און מושבה, וואס איז דאָרט געשאַפן געוואָרן. ער איז אויך געווען א שטאַרקער קעגנער פון דער אגודה, וואָס האָט אַרויסגעלאָזט ארץ־ישראל פון איר פּאָליטישן פּראָגראַם. ער פלעגט זאָגן: „עיקר חסר מן הספר."

ער האָט געשטאַמט פון א קאַנגרעס פּוילישן שטעטל. נאָך פאַר דער ערשטער וועלט־מלחמה איז ער געקומען קיין מעריב־גאַליציע און זיך באַזעצט אין דזשיקיוו, וואו ער איז געוואָרן ר׳ נחום צוקער־ברוטס איידעם. פינף און צוואַנציק יאָר האָט ער זיך געדרייט ביי זיין שטראַנאָ; מיט פּויערישן שכוירים. דאס האָט ער געהאַלטן נאָר פאַר א פּירמע און אַריינגעשלעפּט קונים צו זיך אין שטוב. זומער אין ווינטער האָט ער זיך געדרייט אויף דער וואַך מיט די ציצות אין דרויסן און געזוכט פּרנסה. בנו לבינו איז אגודיזם, מזרחיזם, השכלה אויך א בחורה, ווער שמועסט א גוט וואָרט איז מער ווי פּרנסה.

# דער קנאי

צוגלייך מיט אלע שטעט פון פוילן איז אויך אונדזער שטעטל געווען געבענטשט מיט פארטייען און פראקציעס מכל המינים, וועלכע האבן געגומען שטייגן און אויסוואקסן איבער נאכט. די יוגנט פון שטעטל איז געווארן איינגעטיילט ביי זיי, ביי יעדן צו ביסלעך. איינמאל זענען יידן געגאנגען צו מנחה ומעריב. זיי האבן זיך אפגעשטעלט אין גאס ביי א העל באלויכטן פענצטער. איינער האט געפרעגט:

„וואס איז דא? וואס קוקט מען?"

יעדער האט געהויבן מיט די פלייצעס. א יונגערמאן האט דער־קלערט:

„וואס איז זיך דא אזוי פיל צו חקרנען. איך זעט דאך א פרייִער פאראיין. אט האט איך אויסגעשריבן מיט בלאע אותיות — „עקיבא"... די פארטיי זייערע הייסט אזוי..."

„וואס טוט מען אזוינס אין דעם פאראיין?"

„אוי ר' ייד... פרעגט נישט בעסער. גאר נישט אומשטיינסגע־זאגט... איך הערט דאך, מען זינגט און מען טאנצט — מיידן מיט יונגען אין איינעם."

„טאקע? — התמנה לצלן!"

בלוין שנעל האט זיך צעשפרייט דאס נייס איבערן גאנצן בית־המדרש און חסידישע יידן זענען געווארן שטארק אויפגעבראוזט. אין כעס אויף די אלע ארגאניזאציעס, וואס זענען עלול צו ברענגען חלילה שלעכטס אויף דער שטאט.

נעבן עמוד, אין א רעדל יידן, האט דער מאדענער שוחט ר' יצחק הערש הייזעריק געשריגן:

„ניין! מען טאר נישט דערלאזן! אט האט איר די סיבה פון אלע אומגליקן, וואס קומען אויף דער שטאט... די פלוצעמדיקע שרפות, וואס ברעכן אוים כסדר, אין ביי אייך א קליינע פלאג? און ווער

ווייסט חס ושלום, וואָס עס קען נאָך גורם זיין, אַזאַ מין הפקרות... עס ליגט דער חוב אויף אונדז — ובערת את הרע מקרבך... אַט וועל איך זיי ווייזן."

און ער איז אַרויס מיט אַ ברען. זיינע ווייסע באָרד און פּאות זענען געווען צעשויבערט, דאָס פּנים רויט, מיט פאַרלאָפענע גלאַנצנדיקע אויגן, זיין שוואַרצע אַטלאַסענע בעקעשע איז געווען צעקנעפּלט, די גראָבע לאַנגע ציצות פון טלית־קטן האָבן זיך געקלאַפּט אין די קניען. יידן זענען אים נאָך, געוואָלט זען, וואָס עס וועט פאַרקומען. ער איז אַריינגעקומען אין פאַראיין „עקיבא":

„אַרויס פון דאַנען!"

זיין רויט פּנים איז געווען מיט רגזה און צאַרן. ער האָט זיך געוואָרפן אויף אַלע אַנווענדיקע, וועלכע האָבן געזונגען, געטאַנצט און זיך גאָר נישט גערעכט אויף אַזאַ מין באַגעגעניש. מיט ביידע הענט האָט ער געשלאָגן פון אַלע זייטן, אַרויסגעיאָגט און געשריגן הייזעריק:

„שקצים! חציפות!"

פאַר ר' יצחק הערש שוחט האָבן אַלע דרד'אָרין געהאַט. קיינער האָט זיך נישט געוואָגט אַנטקעגנצושטעלן. אין שטעטל האָט איטלעכער געפילט זיינע אמתע תמימות, וואָס האָבן אַרויסגעדרינגט פון טיפער איבערצייגנדיקער און ערלעכער פרומקייט. ער איז נישט געווען פאַרמישט מיט קיין פּאָליטישע פּאַרטייאישע כוונות, ער איז געווען דערווייטערט פון אַלע פּאַרטייען, אַפילו די אגודה איז אים נישט געפעלן, געמאַכט זיי פאַרוואורפן, אויסגערעכנט זייערע חסרונות, וואָס זיי האָבן מתיר געווען צו לייענען צייטונגען און ביכער, יונגע לייט און בחורים זיך שערן די בערד. ער פלעגט זיך כעסן, וואָס מען לערנט שוין נישט אַזוי ווי פאַרצייטנס... ער פלעגט עוסק זיין מיט דוד רחמהם וועגן דעם עניין, מען זאָל נישט דערלאָזן די יונגע בחורימלעך זאָלן ווערן מיטגעריסן אויף דעם דרך. דער שאַרפער קנאי האָט פאַרמאָגט אין זיין האַרץ פיל ליבשאַפט צו חסידישע יינגלעך און איז געווען צו זיי צוגעלאָזן, פריינדלעך ווי אַ הבר. אַזוי האָט ער זיך פאַרנומען אַ חוץ שחיטות אויך מיט פאַרשידענע תקנות פאַר דער שטאָט. דאָס גאַנצע אחריות האָט ער

ארויסגעלייגט אויף זיך אליין, מיט אלץ זיך געקענט אן עצה געבן אן קיינעמס הילף. דערהויפנדיק זיך, אז ביי דער וויסל איז פארא א פליאושע וואו עס באדן זיך מענער און פרויען צוזאמען — דארף מען אויך דארט א בליק טון... געגנוג געווען עס זאל וועד ואגן, אז ר׳ יצחק הערש שוחט גייט. און באלד האבן זיך אלע ארויסגעכאפט פון וואסער — אנטלאפן פון דער פליאושע, זיך באהאלטן צווישן די געדיכטע הושענות־צווייגלעך.

אויך די קצבים האבן פאר ר׳ יצחק הערש שוחט שטארק מורא געהאט. עס פלעגט טרעפן ביי אנדערע שוחטים, אז א בהמה איז טריפה געווארן, האבן קצבים זיך צעשריגן, געליארעמט, אפילו געדראט מיט שלאגן. דאקעגן ביי ר׳ יצחק הערש שוחט האט זיי דאס במעט ווי נישט געארט. שטארק באליבט איז ער געווען ביי דער שטאט. אן אמתדיקן פרומען ייד האט יעדער געזען געהאט. ער איז געווען א ייד פון פארצייטנס. אין שבתים און ימים טובים האט ער זיך אנגעטון דעם גלאנצנדיקן זיידענעם באלאט, ווייסע שיך און זאקן און אויסגעזען ווי א מלאך.

# ר׳ משה ניחהם

עס איז שוין נאך די מיטאג־שעהן, די זון האט געהאט שוין זיך איבערגעבויגן אויף דער צווייטער העלפט מארק. יידן זענען געווען פארנומען מיט פארשידענע מסחרים, פאריאגט נאך דאגת הפרנסה. טייל האבן געשפאנט איבערן מארק כאפן ביי וועמען א גמילת חסד, א ביסעלע הלוואה. מאנכע זענען געשטאנען אויף דער פאסט, אנדערע ווידער האבן געאיילט מיט שנעלע טריט אין דער קאסע אשטשעדנאשטשי אדער באנק לודאווי באצאלן וועקסלען אין דער לעצטער מינוט, כדי זיי זאלן נישט דארפן גיין צום פראטעסט...

די נאלאנבעריעסוחרימלעך פון די מארק־בודקעס און טישלעך זענען געלאפן מיט פולע שאכטלען סחורות: שטיקער זייף, זאקן, שנירבענדלעך, טאשטעס פון פארשידענע קאלירן. יעדער איז געווען

אריינגעטון אין לעבן פון נשמות, פאַרהאַרעוועט אין עולם־הזה: כתורה... קונים... וועקסלען... ריוח... געלט...

אבער פאַר ר׳ משה ניחהס איז דאס אַלץ געווען פרעמד. ער האָט דערמיט נישט געהאַט קיין שום שייכות. ער האָט געהאַט זיך זיין באַזונדער וועלטל: געשטאַנען אין בית־המדרש און געדאַוונט, איבער־געחזרט א פּאָר מאָל יעדעס וואָרט מיט פאַרשידענע כוונות. ער האָט מדייק געווען על פּי סודות הקבלה און דקדוק. מניינים זענען געגאַנגען, מניינים זענען געקומען. אבער ר׳ משה ניחהס האָט ערשט געהאַלטן ביי קרבנות... מיט זיינע גרויסע ברעמען האָט ער געהאַלטן אין איין אויסציען און איינשרומפּן דעם הויכן געפּאַלבטן שטערן, דעם טלית, אריבערגעוואָרפן איבער זיין קאָפּ וואָס האָט זיך געווינט אין דער בריט. יידן האָבן זיך געוואונדערט אויף ר׳ משה ניחהס התנהגות צו דאַווענען אזוי שפּעט — לאַנג נאָך זמן־תפילה און זיך אַליין אויסגעטייטשט:

„מן הסתם ווייסט ער וואָס ער טוט... מען דאַרף אים נישט זאָגן קיין מוסר."

ווייל געהאַלטן האָט יעדער ר׳ משה ניחהס פאַרן פרומסטן ייד פון שטאָט — וואָס לערנט און דאַוונט א גאַנצן טאָג. קיין מסחרים זענען אים נישט אָנגעגאַנגען, מיט דעם האָט זיך פאַרנומען זיין ווייב — ניחה די אשת חילטע, וואָס האָט שוין באַזאָרגט פרנסה פאַרן גאַנצן הויזגעזינט. אַ טאָכע פאַר דעם האָט די שטאָט אָנגעפּאַסט צו רופן ר׳ משהן, אויפן ווייבס נאָמען: ר׳ משה ניחהס.

קיין נאָר גרויסע מסחרים האָט זיין ווייב ניחה נישט געפירט. אויף א טישל אין שמאָלן קלייטל זענען געלעגן אויסגעלייגט עטלעכע שאַכטלען מיט פּויערישער גאַלאַנטעריע. פון פיל סחורה האָט ניחה נישט געהאַלטן. זי פלעגט זאָגן:

„צו וואָס טויג א סך סחורה? האָבן אַלץ אויפן קאָפּ... אַכטונג געבן פאַר גנבות... און היינט־זשע ערשט האָבן צו טון מיט שטייערן... דער עיקר איז דאָך נישט די סחורה, דער עיקר איז — דער קונה."

פאַר דעם האָט זיך כסדר געטראָפן, אז עס פלעגט אויספעלן גראָד דאָס אַרטיקל, וואָס דער קונה וויל. זי פלעגט זאָגן צו איר בני־בית —

„זאל ער וואַרטן דער ערל... לאָזט אים נישט אַוועק, אַ גוטער קונה, אַ דימענטיקער גוי.“

און זי טוט מכלמרשט אים חנפענען מיט אַ גלעט אויפן אַקסל, ער זאָל נישט אַוועקגיין. און זי לויפט, פליט צו די הורט־סוחרים ר׳ אברהם פליישער אָדער אהרן צוועטשקנבוים, כאַפּט ביי זיי אַ שטיקל סחורה אויף באָרג:

„מען וועט זיך שוין אָפּרעכענען שפּעטער.“

אויך איז ניחה געווען שטאָלץ מיט איר מאַן און זיך געגרויסט:

„אין מיין משהס דאַווענען און תורה לערנען וועל איך אויך האָבן אַ חלק. אין זיין זכות האָט מען נאָך אַ ביסל פּרנסה, און מען לעבט מיט לייטן צוגלייך.“

ר׳ משה ניחהס האָט נישט משנה געווען זיין רגילות. אייביקע יאָרן, אַפילו זומער אין די גרעסטע היצן פלעגט ער גיין איבערן מאַרק, איין האַנט אַריינגערוקט אין אַרבל פון צוויטן, דעם תפילין־זאַק אונטערן אָרעם, איינגעבויגן מיטן קאָפּ און געהאַלטן אין איין זאָגן, געמורמלט שטילערהייט נאָך אַלץ עפּעס, וואָס איז אים געבליבן פון דאַווענען.

אַ יעדן טאָג, אין דער מיטאָג־צייט, איז ר׳ משה ניחהס פאַרטיק געוואָרן מיט שחרית.

# דער כשרער שניידער

צווישן די כשרע שניידערס פון שטעטל איז ר׳ אברהם אבינו געווען דער פּאָפּולערסטער מיט זיין שטיינער מלאכה. נישט געניית פאַר קיין גויים נאָר בלויז פאַר יידן. ער האָט מדקדק געווען אויף שעטנז, זיך אויסגעקענט אויף אַלערליי לייוונטן. האָט ווער געהאַט אַ ספק אין זיין שטיקל סחורה איז ער געקומען צו אים עס ווייזן. ער האָט געהאַט אַן אויסזען אין זיין געלאַטעטן גראָען שפּענצער מיט דער לאַנגער באָרד אין ברייטן קאַפּל אויפן קאָפּ — ווי אַ פאַרבאָרגענער חיים פון אַמאָליקע צייטן... ער האָט געוואוינט נעבן די רולקעס,

אין א קליין נידעריק הייזל, געטון זיך זיין ארבעט געלאסן; געניי־
קאפאטעס, בעקעשעס, איבערגעניצעוועטע אלטע אויבערמאנטלען.
ער האט תמיד געטראגן אויף זיך שטיקער צעשניטענע פאלעס, דאס
צאל־בענדל אויפן האלדז, וועלכעס ער האט קנאפ ווען באניצט.
דאס רוב האט ער געהאט די מאס אין דער האנט, געמאסטן מיט
די פינגער, געמאכט א שפאנג, געצייכנט מיטן ווייסן קרייד לויטן
אויג, געשניטן פון דער האנט אוועק.

וואס מער די מאדע איז געשטיגן ביי אנדערע שניידערס, פון פאר־
שידענע אופנים זיך געביטן אמאל אזוי, אמאל פארקערט, איז ר'
אברהם אבינו געבליבן ביי זיין אלטן שטייגער, נישט געענדערט
זיין שניט. מען האט לייכט געזען אין דער בריטקייט פון מלבוש
ווער עס האט אים געמאכט. אז מען האט אים געזאגט א חסרון:
„ווער ר' אברהם, עס איז דאך א שפאר ביסל ברייט."

האט ער געשמייכלט אונטער די וואנסעס.

„איז דא איין עצה דערצו: עסן. צו וואס אוועקשניידן פון לעבע־
דיקער סחורה... עס קאן דאך זיין א קאפעטשקע גרעסער. וואס
זשאלעווען איך מיין ארבעט. איך מאן דאך נישט דערפאר טייערער
פון אייך..."

„נעמט ארונטער אויף א צווייט מלבוש — און די זאך איז דער־
דיקט."

„אזוי האט מען געניים פארציימנס... און אזוי דארף מען גייען...
איך זע די מאדעס לא עלינו, ווי דאס האט נישט קיין קיום —
היינט אזוי, מארגן אנדערש... אומשטיינס געזאגט, אלץ וויל מען
איז אראפ פון דרך הישר... און איך וועט זען, זיי וועלן ארויפקר־
מען צוריק אויף מיין שטייגער... ווי אונדזערע אבות האבן גע־
טראגן."

האט ער טאקע גענייט פארן עלטערן דור לאנגע קאפאטעס. און אזוי
פלעגט ער זיך גרייכן און אזוי ארום זיך קונה־שם געווען — אברהם
אבינו. א שטיק פון פארצייטישטיקן לעבן האט מען געזען ביי
אים אין שטוב: א קאמאדע, א באנק־בעטל, א פיעקעליק, א גלאנ־
צענדיק חנוכה־לעמפל אויף דער וואנט. ער האט אויך דערציילט

זאבן פון פארציטנס; מיט א ספעציעלער חשיבות פלעגט ער דער־ציילן ווען ערלעכע יידן בעלי־מלאכות.

# יידישע אינטעליגענטן

אונדזער שטעטל האט אויך פארמאגט א יידישע אינטעליגענץ, וועלכע האט איר גאנצע קראפט און ענערגיע אוועקגעגעבן לטובת דער ציוניסטישער באוועגונג און אויף אנדערע געביטן פון יידיש געזעלשאפטלעכן און קולטורעלן לעבן. איינער פון איר איז געווען ד״ר צימבלער, א פארדינסטפולער ציוניסטישער עסקן, וואס האט אומדערמידלעך געארבעט בלב ובנפש פאר ציוניזם. פון בארוף איז ער געווען אן אדוואקאט. ער האט זיך אבער מיין אפגעגעבן מיט דער ציוניסטישער באוועגונג, ווי מיט זיין פראפעסיע און אזוי ארום אפגעלאזט זיין קליענטעלע. אפט האט מען אים געקענט זען אויפטרעטן מיט א רעדע אין שטאטישן בית־המדרש. טראץ דעם וואס ער האט נישט געקענט קיין ווארט יידיש און גערעדט אין דער פוילישער שפראך, האט ער ביי אלע און אפילו ביים חסידישן עולם, תמיד ארויסגערופן גרויס פאראינטערעסירונג. אמאל איז ד״ר צימבלער, ביים דורכפירן אן אקציע פון „קרן־היסוד״, אויפגעטרעטן אין גרויסן בית־המדרש מיט א פייערדיקער רעדע. ער האט אנגע־הויבן מיט א זעץ אין שלחן, אז אלץ ארום האט געגעבן א ציטער. מיט זיין קרעפטיקער שטים געגעבן א שריי אויס:

„ושידושי!...״

ער האט גערעדט מיט א שטארקן פאטאס, געשילדערט די ליידן פון אונדזער געמאטערט פאלק. דאס איז געווען נאך דעם, ווען מען האט די פוילישע יידן פון דייטשלאנד געשיקט קיין זבאנשין אין יאר 1938. ער האט דעמאלט געמאכט א טיפן איינדרוק אויף דער גאנצער רעליגיעזער עולם, אפילו נישט־ציוניסטן האבן זיך דעקלארירט פאר „קרן־היסוד״, און די אקציע איז ארויס מיט בעסטן דערפאלג. ווען עס פלעגן קומען צו אונדז שליחים, ציו־

ניכטישע רעדנערס, האבן זיי שוין געוואוסט גלייך צו פארפארן צו אים. ער האט איבערגעלאזט זיינע קליענטן און זיך פארנומען מיט די חשובע געסט. עס האט אויך אמאל געטראפן, אז פון געריכט־זאל איז ער אוועק צו דערלעדיקן וויכטיקע געזעלשאפטלעכע ארבעטן. אין שטעטל זענען נאך געווען פיל יידישע אינטעליגענטן פון פארשידענע באַרופן, אבער זיי אלע זענען נישט געקומען אין באַרירונג מיט דער יידישער עפנטלעכקייט און יידישע ענינים זענען זיי ווייניק וואס אנגעגאנגען. א חוץ ד"ר צימבלער מיט זיינע צוויי חברים — ד"ר פרייזמאן און ד"ר הארנער, וועלכע האבן פארנומען דעם סאמע אויבן אן פון יידיש געזעלשאפטלעכן לעבן, זענען די איבעריקע געווען דערווייטערט פון יידישן כלל.

•

ד"ר פרייזמאן איז נאך אין די צייטן פון פראנץ־יאזעף געווען שעף פון דער מעדיציניִשער אפטיילונג ביים מיליטערישן גארניזאן. בשעת דער ערשטער וועלט־מלחמה 1914—1918, איז ער טויב געווארן, אויסקנעלנדיק דאס דאקטארישע הערדערל און זיך גענומען צו דענטיסטיק.

עס זענען נאך געווען אין שטעטל עטלעכע דענטיסטן און צאנטעכניקערס, אבער אלע צוזאמען האבן נישט געהאט אזא צאל פאציענטן ווי ער. ביי דער גאנצער באפעלקערונג איז ער געווען זייער באליבט פאר זיין ברייטהארציקייט: תמיד געגעבן גרויסע נדבות, טאפלט ווי אנדערע שטעטלדיקע נגידים. ווער שמועסט אויף ציוניסטישע קרנות איז נישט געווען קיין שיעור. ער איז געווען א גרויסער אידעאליסט און ציוניסטישער עסקן, אקטיוו אין דער ציוניסטישער באוועגונג. זיינע רעפעראטן האט ער געהאלטן אין א פאלקסטימלעכן יידיש און אין א פיינער פארם — איינגעפלאנצט אהבת ציון אין די יידישע מאסן.

•

אין יידישן קולטור־על־פראגרעסיוון לעבן האט גענומען א גרויסן אנטייל ד"ר הארנער אויך א מעדיצינער. ער איז געשטאנען צו דער דיספאזיציע דעם גאנצן שטעטל, סיי ביי טאג, סיי ביי נאכט. ארעמע מענטשן האט ער געהיילט בחינם. באזונדערס אן ארעמאן האט ער

אוועקנייענדיק נאך איבערגעלאזט אויפן טיש געלט אויף רעצעפטן. ער איז געווען פרעזעס פון די יידישע ספארט־קלובן „מכבי" און „הרצון". עס האט זיך א מאל געמאכט, אז יידן פלעגן אריינהאקן עטלעכע גאלן — פוילישע ספארט־קלובן, איז עס ביי אים געווען א שמחה, גאר א גרויסע. ער פלעגט זאגן, אז דאס ראטעוועט דעם יידישן כבוד. טאמער איז אבער געווען פארקערט, האט ער געהאט גרויס צער, נישט געקענט צוזעען און איז אוועק פון ספארט־פלאץ. ער האט זיך אויך פארנומען מיט דער יידישער ביבליאטעק. בא־שטעלט ביכער מיט חדשים פריער. איידער זיי זענען דערשינען. אזוי ארום איז אויך די יידישע ביבליאטעק אין דזשיקיוו אויסגע־וואקסן צו איינער פון די שענסטע און גרעסטע ביבליאטעקן פון דער ארומיקער געגנט. ער איז געקומען צו אונדז אין שטעטל, זיך ארומגעזען אין וואס עס נייטיקט זיך און גלייך ארגאניזירט פארשי־דענע געזעלשאפטלעכע אינסטיטוציעס. אזוי האט ער אויך געגרינ־דעט די ציוניסטישע באנק און געווארן איר דירעקטאר.

די דערמאנטע יידישע דאקטוירים זענען נישט קיין געבוירענע אין אונדזער שטעטל. זיי האבן געשטאמט פון מזרח־גאליציע. צוליב פרנסה האבן זיי זיך באזעצט אין דזשיקיוו מיט אן ערך א פערטל יאר־הונדערט צוריק. גראד זענען געווען פרייע ערטער פאר די אויבן דערמאנטע פראפעסיעס. זיי האבן געגעבן א גרויסן ביישטייער צו דער אנטוויקלונג פון געזעלשאפטלעך־קולטורעלן לעבן פון שטעטל אין די לעצטע צוויי צענדליגער יארן.

# מיין זיידנס געשטאלט

פארבליבן איז זיין צורה אין מיין זכרון, זיין געשטאלט איז ביי מיר ווי פריש. איך זע אים שטענדיק מיטן זעלביקן בליק פון טיפע אויגן, וואס קוקן אפיר פון אונטער זיין הויכן שטערן. סיי אין חלום, סיי אויף דער וואר, ווען נאר איך זע אן אלטיטשקן, א זקן מיט א ווייסער באָרד טוט זיך מיר א וויקל אויף דאס אויסזען פון מיין

זיידן — לייזער טירשוועל: די אויסגעקעמטע שניי־ווייסע באָרד, אין מיטן אַ צווישן־שייד, זיין פלושענער קאַפּעלוש, די שוואַרצע קאַפּאָטע. אַזוי איז ער געשטאַנען אויף דער שוועל פון זיין קליימל און געקוקט אויפן מאַרק פאַרטראַכט אין רעיונות. נאָך אַזאַ טראַכטן פלעגט ער תמיד דערציילן, פאַרשידענע עפּיזאָדן, איבערלעבונגען; צום מיינסטן זענען געווען די זכרונות פון ארץ־ישראל. ווי אַ קוואַל, וואָס שעפּט זיך נישט אויס, אַזוי האָט ער שטענדיק געהאַט צו דערציילן, ווי ער איז אַלץ געווען: אין ירושלים, טבריה, ראשון־לציון, ראש־פינה, צפת, מירון. איך פלעג צו אים טענהן:

„און פאַרוואָס זיידע, ביסטו צוריקגעקומען פון דאָרט?"
בכדי צו פאַרענטפערן זיך, אַז ער האָט עס געמוזט טון — און אַזוי האָט ער געמוזט זיין! האָט ער אָנגעהויבן תמיד:

„געווען איז עס אַזוי מיין קינד, פאַרשטייסט? מיט פופציק יאָר צוריק, ווען אַלץ איז נאָך געווען פוסט און וויסט, בין איך מיט מיין פאָטער אָנגעקומען קיין ארץ־ישראל. מיר זענען געווען פון די ערשטע קאָלאָניסטן אין הערצלס צייטן. איך האָב אַליין גערעדט מיט אים. פאַרקויפט דאָס הויז און געפאָרן זיך באַזעצן אין הייליקן לאַנד... אַ רעש איז געווען אין גאַנצן שטעטל. כמעט אַלע מענטשן זענען געווען ביי דער באַן אונדז באַגלייטן. מוזיק האָט געשפּילט און דער עולם האָט געטאַנצט און געזונגען. דאָרט האָב איך געאַרבעט אין אַ קאָלאָניע, באַקומען ערד און אָפּגעלעבט אַ יאָר צייט. אין דעם דאָזיקן יאָר איז גראָד געווען אַ טרוקעניש, נישט געוואַקסן. אַ גרויסער היזק פאַר מיר. עס האָט מיך אָפּגעקאָסט אַ האַלב פאַרמעגן און צו דעם אַלעם בין איך שווער קראַנק געוואָרן. זאָגט דער טאַטע: אַז מסתמא איז נאָך נישט די צייט. פּאַקט מען זיך איין און מען פאָרט צוריק. אָבער נישט אַזוי לייכט איז עס מיר אָנגעקומען זיך צו שיידן מיטן הייליקן לאַנד פון אונדזערע אבות, מיט די הייליקע מקומות — און ספּעציעל פון דער כותל המערבי... אַ סך טרערן האָבן זיך אויסגעגאָסן פון מיינע אויגן... איך האָב דאָרט תפילה געטון, געקושט די שטיינער, געטראַכט באַלד צוריק צוקומען."

און ווייטער האט ער דערציילט:

„איך האב געהאט אכט קינדער, זין און טעכטער, אלע זיך צעזייט איבער דער גרויסער וועלט: קיין אמעריקע, אפריקע, פראנקרייך. א יעדעס קינד געבענטשט מיט א ברכה: פאר געזונט... דיין מאמע האט אויך נישט געקענט איינזיצן אין די יונגע יארן...”

דער זיידע פלעגט אין די לעצטע יארן זאגן צו דער באבע:

„שיינדל! — אפשר וועט מען זיך נאך אמאל א לאזטן קיין ארץ־ישראל?...”

•

ער איז געווען א בכבודיקער בעל־הבית, עס איז אים נישט אנגעגאנגען קיין שום ענינים, נישט קיין קהלשע אדער פארטייאישע פאליטיק נאר געטון זיין האנדל בשלמות. ביז לעצטנס האט ער געשמט פאר אן איש נאמן, נישט אפגענארט קיינעם אין זיין לעבן. פריערישע קונים פון די ארומיקע דערפער האבן אים געגלייבט:

„זשעטעלני זשיד.”

א סך האט ער אריינגעקוקט אין ספרים, אין די קליינע אותיות, די דרשות פון „יערות דבש” אן א בריל און די באבע פלעגט חוזק מאכן:

„ווי שעמסט דו זיך נישט, אזא אלטער ייד ווי דו, זאלסט קוקן אן א בריל...”

ווען ער איז אלט געווען זיבציק יאר, האט ער אליין געשפאסט, אז ער איז אלט זיבן... און טאקע ביז לעצטנס זיך געשפירט יונג ווי א יונגערמאן: אויפגעשטאנען נאך פרי, געלערנט משניות, געזאגט שערי ציון, מעמדות, געווען אין דער חברה בקור־חולים, געגעבן צדקה מיט א ברייטער האנט. וואס ער האט פארמאגט איז ביי אים נישט געווען חשוב.

•

דעם לעצטן טאג פון פארלאזן דאס שטעטל האט ער געמוזט אפגעבן דעם שליסל פון זיין הויז דער דייטשער געסטאפא. ער האט זיך געזעגנט מיט זיינע ווערטער:

„אז עס איז נאר נישט מיינס... אז א מענטש פארמאגט נאר נישט

מיין, ווי דאס, וואס ער טראגט אויף זיך... איך פארלאז אויף דער עלטער מיין הויז, מיין געלטנער..."

ער האט גענומען טלית און תפילין אונטערן אָרעם, א זעקל מיט זאכן אויף דעם אקסל און געזאגט צו דער באבען:

„קום, שיינדל... איך נעם אויף מיר אלץ באהבה... מסתמא איז דער רצון הבורא אזוי..."

ער האט תפילה געטון, אראפגעלייגט די האנט אויף דער מזוזה און געזאגט:

„מזמור לדוד... גם כי אלך... נאט איז מיט אונדז..."

.אייפן גאנצן וועג קיין לעמבערג האט ער געטרייסט אלע:

„עס איז די לעצטע חבלי משיח... מען מוז זיך שטארקן, איבער־טראגן אלע יסורים... מען דארף זיך חס ושלום נישט מיאש זיין... נאר האבן בטחון..."

איך זיין אייניקל בין שטאלץ מיט דיר: דו ביסט געווען דער מיסטער פון אן אמתן ייד... דער טיפער מאמין... קיינמאל ביזט דו נישט איינגעבראכן אין צרות און ליידן און געווען אין אלעם און אלץ די מעשים פון גאט.

# דזשיקיווער חסידות

# רביים פון פינף דורות

דאס שטעטל דזשיקיוו איז באקאנט געווען אין דער וועלט, נאך פון אלטע צייטן, דורך אירע בארימטע חסידישע רביים זינט פינף דורות.

דער ערשטער דזשיקיווער רבי, ר׳ אליעזר זצ״ל, דער גרינדער פון דער דזשיקיווער רבישער דינאסטיע, איז געווען א זון פון ר׳ נפתלי ראפטשיצער זצ״ל, וועלכער האט צו זיך געהאט צוגעצויגן חסידים פון דער גאנצער געגנט. נאך מער פארשטארקט האט זיך דאס דזשיקיווער חסידות אין דער צייט פון זיין זון רבי מאירל זצ״ל מיט זיין בארימטן חבור „אמרי נועם״, א גראנדיעזן ווערק אויף תורה און הלכה, וואס האט געמאכט א גרויסן רושם אין חסידישע קרייזן. נאך אים, ר׳ מאירל זצ״ל האט איבערגענומען דאס כסא־רבנות זיין זון רבי יהושעלע דזשיקיווער זצ״ל, באקאנט פון זיין חבור „עטרת ישועה״. ער איז געווען מפרסם אויף דער וועלט, סיי אלס גאון, וואס מיט זיין גאונות און חריפות האט ער איבערגעשטיגן פיל גדולים און לומדים פון זיין צייט, סיי אלס רבי, וואס פיל וואונדערלעכע מעשיות ווערן דערציילט וועגן אים. חסידים האבן געשטראמט פון אומעטום צו אים, כדי צו הערן זיין תורה. די גרעסטע רבנים און לומדים פלעגן זיך צו אים ווענדן מיט שאלות ותשובות. ער איז אויך געווען א גרויסער בעל־מנגן, וואס האט באצויבערט מיט זיינע זיסע הארציקע טענער און שטענדיק דערוועקט גרויס התפעלות ביים עולם.

מיט אן ערך פון א האלבן יאר הונדערט צוריק איז דער באוואוסטער חזן און בעל־תפילה ר׳ זיידל ראוונער געקומען קיין דזשיקיוו צום רבין רבי יהושעלע און אפגעזיצן עטלעכע וואכן און זיך נישט געקענט אפרייסן פון זיין הארציקער נגינה, געזונגען מיט גרויס געפיל, וואס ער האט אליין געשאפן. ר׳ זיידל ראוונער האט אויך געזונגען פארן רבין זיינע אייגענע קאמפאזיציעס און געוואלט, אז דער רבי זאל אים געבן זיין הסכמה.

איינמאל זייענדיק אין וויִן — אדורכגייענדיק איבער די גאסן מיט איינע חסידים האט דער רבי ר׳ יהושעלע דערהערט שפּילן א גרויסן קאנצערט אין א גארטן. ער האט זיך אפּגעשטעלט און צוגעהערט דאס שפּילן פון די מוזיקערס שיינע מוזיק. ער איז געשטאנען פארטיפט אין געדאנקען, אויסגעהערט און נאכגעפאלגט מיט גרויס הנאה די קלאנגען פון ארקעסטער. פארן ענדיקן פון שפּילן האט דער רבי דערהערט אין קאנצערט א פאלטשן טאן. ער האט געמאכט א באמערקונג צו א חסיד:

„זיי האבן עפּעס פארפעלט...”

נאכן קאנצערט האט דער רבי געשיקט דעם חסיד זאגן דעם דיריגענט, אז ער האט פארגרייזט און פארפעלט א פאל אין דער קאמפּאזיציע. עס איז ארויסגעקומען דער דיריגענט מיטן חסיד — צום רבין. זיי האבן געשמועסט א ווײַלע. נבהל ומשתומם זענען געבליבן אלע חסידים ארום, ווען זיי האבן דערהערט, אז דער דיריגענט האט זיך מודה געווען דערין.

אויך אין וועלטלעכע ענינים האט דער רבי ר׳ יהושעלע געהאט א גרויסע ידיעה. ער פלעגט ליב האבן, אז מען זאל אים פירלייענען צייטונגען. ער האט זיך אויך פאראינטערעסירט אין אלע אינטערנאציאנאלע פאליטישע ענינים. אין קעגנזאץ צו אנדערע רבים, האט ער געהייסן יידן פארן קיין אמעריקע, ארץ־ישראל, ווייל איראפּע איז נישט פאר יידן.

די חסידישע חוגים פון שינעווע און סאנץ האבן שטארק געקלאפּט אויף אים. עס איז זיי נישט געפעלן געווארן ר׳ יהושעלע דזשיקיווערס „דרך”, הלמאי ער לייענט צייטונגען און מישט זיך אין חולדיקער פּאליטיק. אויף דעם האט דער רבי ר׳ יהושעלע געזאגט:

„הלוואי וואלטן זיי אויך געלייענט צייטונגען... וואלטן זיי געווען גאר אנדערש, ווען זיי וואלטן געוואוסט, וואס עס טוט זיך אויף דער וועלט, און געוואוסט אויף וואס מען דארף בעטן.”

מיט זיין קלוגן פּאליטישן חוש האט ער פאראויסגעזאגט די ערשטע וועלט־מלחמה, צוויי יאר פאר איר אויסברוך אין יאר 1912. ער פלעגט זאגן, אז ער זעט ווי מען שיסט צו אים אריין אין פענצטער. מען האט אים אמאל פירגעלייענט אן ארטיקל פון דער וויגער

„גייע פריע פרעסע". וואו דער מחבר האט אויפגעוויזן די מעכטיקייט פון דער ק.ק. עסטרייכיש־אונגארישער גרויסמאכט, האבנדיק אונטער זיך פיל לענדער: טשעכן, אונגערן, גאליציע, בוקאווינע און סערביע. ער האט זיך צעלאכט דער דזשיקיווער רבי ר' יהושעלע פון די שטותים און נארישע ארגומענטן פון דעם ציימונגס־שרייבער און געזאגט:

„עסטרייך וועט נאך האבן א פנים ווי ר' זיינוול ראפטשיצערס תפילין־זעקל..."

דערביי האט ער דערציילט פון ר' נפתלי ראפטשיצערס א חסיד וועמען עס זענען פארלוירן געווארן דער טלית און תפילין און דער חסיד האט גענומען שטארק זוכן. האט אים דער רבי געפרעגט:

„זיינוול, וואס זוכסטו דו דאס אזוי שטארק?..."

„טלית און תפילין."

האט געענטפערט ר' זיינוול א פארזארגטער. דער רבי ר' נפתלי האט אים געמאכט א חשבון, אז ער דארף גאר נישט זיין אזוי צע־בראָגן, ווייל סך־הכל האט ער מיין נישט פארלוירן ווי דאס בלויזע זעקל...

„ווארעם דער טלית ביסטו דו דאך מודה, איז געווען א טערקישער... די תפילין זענען איין פאר רשי"ס — און איין פאר רבינו ת"מס... דיין אייגנס איז נישט מער געווען נאר דאס בלויזע זעקל..."

רבי ר' יהושעלע האט דאן געזאגט:

„און איך זאג אייך, אז עסטרייך־אונגערן וועט אויך פארבלייבן ביים בלויזן זעקל... ביי זיין מיט דער פראווינץ..."

און אזוי איז טאקע געשען.

נאך האבן חסידים פון אנדערע רבים שטארק גערעדט אויפן רבין ר' יהושעלע, אז ער דאוונט גאר נישט. אין אמתן איז עס יעדן חסיד געווען שטארק אויפפאלנדיק. ווען דער עולם האט געדאווענט מיט ברען און התלהבות בצבור, איז ער געזעסן פארלייגט איין פיס אויפן צווייטן, די ברייטע זילבערנע עטרה אויף די אקסלען — שטיל פארטראכט. דאס האט ארויסגערופן גרויס פארוואונדערונג ביי אלע חסידים. אבער דורך א באקאנטן חסיד ר' מאטיש עקשטיין פון ריישע, איז דאס אלץ פארענטפערט געווארן. ר' מאטיש

עקשטיין איז איינמאל שבת פרי געגאנגען אין מקוה זיך טובלען — און פארביי דורכן רבינס הויף. ער האט דערהערט שטארקע קולות און געוויינען. ער האט דערקענט דעם רבינס קול און זיך אפגע־שטעלט, אריין אין רבינס חדר מיוחד און דערזען דעם רבין איינ־געהילט אין טלית איבערן קאפ. מיט פחד האט ער געפרעגט:

„וואס איז רבי?"

דער רבי האט אוועקגעמאכט דעם טלית און אים אנגעקוקט מיט פארוויינטע אויגן:

„אז מען דאוונט נישט שפעטער — מוז מען דאווענען פריער."

ביי חסידים האט דער דרך פון הצנע־לכת באקומען מיין חן און פארשטארקט אין געוואר־ן ביי זיי נאך מיין די אמונה.

•

צו איינעם פון די גרעסטע חסידים און מקורב, ר' שמחה טובי', פלעגט דער רבי ר' יהושעלע זאגן:

„דו האסט שוין צוגעזעען די דרכים פון מיין זיידן ר' אליעזר... דאס התנהגות פון „אמרי נועם"... וואס אומשטיינס־געזאגט, קענסט דו שוין זעען ביי מיר..."

אויף דעם האט ר' שמחה טובי' געענטפערט בתמימות:

„ביים רבין האב איך אלץ..."

געווען איז ר' שמחה טובי' דער בעל־תפילה פון דזשיקיווער הויף. ער האט נאך געדאוונט פאר־ן עמוד ימים־נוראים, זייענדיק נאך יונג ביי אכטצן יאר, ביים ערשטן דזשיקיוווער רבין ר' אליעזרל זצ"ל. איינמאל האט דער רבי ר' אליעזרל געפרעגט איינעם פון זיינע גאנט־כטע חסידים:

„וואס זאגסטו דו עפעס צו מיין טובי'ס דאווענען?"

„ער מאכט זיך אביסל נאריש."

„און איך זאג — כי שמע אלוקים אל קול הנער..."

•

דער לעצטער דזשיקיוווער רבי איז געווען ר' זאלטערלי, דער זון פון „עטרת ישועה", וועלכער איז געקרוינט געווארן אלס דער ממלא מקום נאך זיין פאטער און הונדערטער חסידים זענען פארבליבן שטארקע אנהענגער־ס און צוגעבונדן צו אים. אויף א רגל פלעגן

אנקומען מאסן חסידים פון די ווייטסטע מקומות. חסידים זענען געקומען זיך שואל־עצה זיין מיטן רבין. דאס רבנות פון שטעטל האט ער איבערגעגעבן זיין זון ר׳ מענדעלע און ער אליין האט זיך געצויגן קיין טארנע. א פאר מאל אין יאר איז ער געקומען קיין דזשיקיוו אויף יארצייטן פון „עטרת ישועה" און פון זיין זיידן „אמרי נועם". אין טאג פון די א יארצייטן פלעגן קומען הונדער־



פון רעכטס דער דזשיקיווער רבי ר׳ אלטע־ל זצ״ל מיט איינעם
פון זיינע נאענטסטע חסידים — ר׳ ישמואל עדער ז״ל.

טער יידן פון פארשידענע געגענטן און פון די ארומיקע שטעטלעך: מאדין, קאלבישעוו, בארניוו, מיעלעץ, צווזמיר, קאפשעוויצע. דאס שטעטל איז געווארן אנגעפילט מיט מאסן מענטשן: מענער, פרויען און קינדער האבן געשטראמט צום בית־עלמין, צים אהל וואו עס רוען די גרויסע צדיקים. אויפן גרויסן פלאץ נעבן בית־עלמין איז געווען שווארץ פון מענטשן. ווייבער און קינדער זענען געזיצן צעלייגט אויפן גראז, נעבן פערד און וועגעלער, דראזשקעס און אויטאס. אין אוהל האבן געברענט פיל הלבנע ליכט. אויף די קברים זענען געלעגן צעשיט קוויטלעך. א הים געבעט און געוויין האט זיך געגאסן פון א יעדנס הארץ. צענדליגער ארעמע לייט זענען געשטאנען ארום און געבעטן נדבות...

•

שטארק באליבט ביי דער גאנצער שטאט, אן אויסנאם אפילו ביי די מארעינע און נישט חסידישע קרייזן איז געווען דער יונגער רב רבי מענדעלע, וועלכער האט ביי איין און צוואנציק יאר אנגענומען דאס בסאר־רבנות פון זיינע עלטער־זיידעס: רבי אליעזרל „אמרי נועם" און „עטרת ישועה". ער האט געהאלטן דרשות אין שטאטישן בית־המדרש און דער עולם איז געווען באגייסטערט. ער האט גע־שפרודעלט מיט שארפזיניקייט און חכמה, געשמט אין גאנץ מערי־גאליציע און ווייט אויסער די גרענעצן פון פוילן. דאס שטעטל האט שטאלצירט מיט זיין יונגן מרא דאתרא, וואס האט זיך געווייזן פאר א גדול בתורה און וועט באשיינען די וועלט מיט זיין גאונות ווי זיינע זיידעס. זיין איינפלוס איז געווען א שטארקער אויפן שטעטל אין אלע ענינים. קיינער האט זיך נישט געוואגט אנטקעגנ־שטעלן דעם רבס א ווארט, צוליב דעם וואס מען האט באוואונדערט זיין יונגע ענערגישע שטעלונג בנוגע שטעטלדיקע קהלשע ענינים. א שטעטל וואו עס זאל נישט זיין קיין מחלוקת פון צוויי צדדים, געפונט מען נישט לייכט. מען איז נישט מסכים מיט אלעם, ווי עס פירט זיך אין קהל. עס זענען פאראן מענטשן, וועלכע האבן זיך ליב ארויסצושטעלן. אבער בנוגע דער פערזענלעכער אויטאריטעט פון רב איז אלץ געבליבן שטיל. זיין שיינע געשטאלט און הויכער גע־בוי, זיין רונד פנים מיטן יונג שפראצנדיק שווארצן בערדל, די געקריי־



דער יונגער רב ר׳ מענדעלע ז״ל — א זון פון רבין ר׳ אלטער׳ל זצ״ל — דער לעצטער מרא-דאתרא פון דזשיקיוו.

זלטע פאות פון אונטער דעם ברייטן פלושענעם קאפעלוש, האבן ארויסגערופן אויפמערקזאמקייט און אויטאריטעט. זיין קלוגע און זעלטענע באנעמונג, האט דערהויבן דעם כבוד פון שטעטל. דער בטאראסטווע אליין האט זיך אויסגעדריקט, אז ער איז גליקלעך וואס זיין שטאט האט אזא קלוגן „מלאדי ראבין”.

פרייטאג צו נאכטס און שבת ביי טאג זענען געקומען יידן, די שענסטע בעלי־הבתים פון שטעטל, צום טיש פון יונגען רב. ר׳ שלום בערנשטיין, א ייד א זקן, א גביר און א ברייטן שטריימל מיט א ויידענעם שאפן־פעלץ, אליין א געשטעל פון א דבי, דערצו א תלמוד־חכם מובהק — ער איז געזיצן ביי דער זייט פון יונגען רב און געשמועסט מיט אים און לערנען, געדרייט מיט די הענט, וועלכע האבן געציטערט פאר שוואכקייט און זיך נישט געלאזט איבער־שפארן. ר׳ יוסף פארבמאן א ראש הקהל, א גביר און סתם א ברייטער נדבן. ר׳ וואלוויש פריוווליק, א בכבודיקער בעלי־הבית אין שטאט. ר׳ יצחק הערש שו״ב פלעגט זינגען א זמר און האלטן זיך ביים אויער. ר׳ ירמי׳ האר, א זקן און עסקן בצרכי צבור, נבאי

פון גמילת־חסדים. ער איז געווען א געטרייער אנהענגער פון אגודת ישראל, אז עס זענען געקומען אגודיסטישע רעדנערס אין שטעטל פלעגט ער זיי דער ערשטער באגריסן. ער האט געהערט שטי'ל, באשיידן, מיט מאדערנע אויסדרוקן און געווען שטארק באליבט ביי דער חסידיש־אגודיסטישער יוגנט. ער האט געהאט די השגחה איבער די תלמוד־תורה־חדרים. נישט קוקנדיק אויף זיין הויכן עלטער האט ער געהאט אן אינטערעס זיך אפצוגעבן מיט קינדער און ארויסגעוויזן די אמתע געטריישאפט פארן אויפוואקסענדיקן דור. ער פלעגט זיין אנגעשפארט אויף א שטעקעלע מיט א זילבערנעם הענטל, איבער אלע תלמוד־תורה־חדרים קאנטראלירן אויב עס זענען פאראן אלע קינדער און דערביי אנרופן יעדעס יונגעלע ביים נאמען, ביים פארהערן זיי געגלעט, ליב געהאט זיך אויסצושמועסן מיט די תלמידימלעך די גמרא פון אויסנווייניק. ער האט געטון גרויסע טובות יידן, געשריבן ביטעס, געמאכט רעקורסן. אז א ייד פלעגט דארפן עפעס אן עצה וועגן געריכטס־ענינים, שטייערן, אן אנקלאגע, איז ער נישט געגאנגען צו אדוואקאטן, אפילו יידישע, וועלכע זענען געווען לרוב ביי אונדז אין שטעטל, נאר קודם כל צו ר' ירמי' האר, א ייד, וואו מען האט געקענט גלייך אריינגיין, נישט אראפנעמענדיק דעם קאפעלוש, וואו מען האט געקענט רעדן אויף דיין מאמע־לשון — יידיש.

יידן אין שטעטל האבן זיך תמיד געוואונדערט פון וואנעט נעמט זיך צו אן ערלעכן ייד, א למדן, ער זאל קענען גויאישע למודים און שפראכן — ווי פויליש, דייטש. נאך אין די צייטן פון עסטרייכישן קייסער פראנץ יאזעף איז ער געווען רעליגיע־לערער אין די רעגירונגס־שולן.

ביים טיש פון יונגען רבי איז ער געזיצן פארטראכט אין רעיונות אויפן שטייגער פון אלטע צייטן מיט יארן צוריק וואו ער איז געזיצן ביים טיש אויפן זעלבן ארט, נאך ביים „עטרת ישועה" זצ"ל. און דא האט ער די זכי' געהאט צו זיצן ביים אייניקל... און עס איז אים אלץ אזוי געליבט און טייער. און ער דאנקט און לויבט דעם אויבערשטן פאר זיינע אלע יארן, וואס זענען אים געשענקט פון הימל. דער טיש ארום איז געווען פול מיט יידן אין שטריימלעך און ויידענע

בעקעשעס. דער יונגער רב האט געטיילט דעם עולם שיריים, געזאגט תורה אויף דער סדרה פון דער וואך. עס איז געווארן שטיל, מען האט זיך איינגעבויגן צו הערן א ווארט. נאכן טיש האבן זיך יידן גענומען ביי די הענט און געמאכט א ריקוד.

שלמה־שיע האט געהאלטן פארדבקותדיק צוגעקנייטשט די אויגן, געזונגען מיט התלהבות.

„שבת קודש, שבת שאַ־אַ־בת...‟

•

אויף שפאצירן גיין איז געווען אין שטעטל א ספעציעל ארט, וואס האט זיך גערופן, דעם „רבס גאס‟. די דאזיקע גאס האט אפילו געטראגן א נאמען פון א פוילישער היסטארישער פיגור, וואס איז געווען אנגעשריבן אויף א גרויסן בלעכן שילדל. נאר קיינעמען איז נישט איינגעפאלן צו כאפן א בליק אויף דעם און עס האט טאקע קיין איינציקער אין שטעטל נישט געוואוסט אנצורופן אנדערש, ווי אין „רבס גאס‟, אפילו גוים האבן זי אנגערופן — נא ראבינאווקע. שבת נאכמיטאג, אדער אין א געווענלעכן וואכנטאג פארנאכט, איז געווארן די „רבס־גאס‟ באלעבט מיט מענטשן, דער גרעסטער טייל פון יוגנט — רעליגיעזע מיט פאות און קורץ געשוירענע בערדלעך, מיט שווארצע שטאפענע קאפעלושן און פריוויזיניקע מיט אנטבלויזטע קעפ, מיט ביכלעך אונטערן ארעם, האבן אנגעפולט די ברייטע טראטואר־ן פון ביידע זייטן גאס, וואס פיהט אין שטעטלדיקן וואלד אריין.

אין עק פון דער דאזיקער גאס האט געהאט א קלייטל פון צוקער־האנט — ר׳ הערשעלע אלי׳ גבאים. זיין פאטער איז געווען הויפט־גבאי ביים אלטן דזשיקיווער רבין ר׳ יהושעלע זצ״ל. במשך א גאנץ גייענדיקן טאג איז אויף דער דאזיקער גאס געווען א שוואכער מענטשן־פארקער און צו ר׳ הערשעלע אלי׳ גבאים האט זיך נישט באוויזן קיין קונה אויף קיין רפואה. דאקעגן אז עס איז געקומען פארנאכט איז דאס קליינע קלייטל געווארן אנגעפולט מיט יידישע בחורים און מיידלעך, וואס האבן זיך אוועקגעזעצט ביי קליינע קיילעכדיקע טישלעך עסן פארציעס כשרן עס־אייז, געטרונקען זאדע וואסער אדער קוואס, פלעגן צובייסן א היימיש זיס שטיקל געבעקס.

ר' הערשעלע אלי' גבאים פלעגט זיך ארומדרייען צווישן די מישלער מיטן לאנגען טלית־קטן, וואס האט דערגרייכט ביז דער קני ביי יעדן טישל פלעגט ער זאגן א פאר ווערטער און צוגעשאקלט מיט דער לאנגער שיטערער באָרד:

אז כמה וכמה גויים האבן שוין מודה געווען, אז דער לאדי איז טוב ומיטוב... ער איז געווען פון די געהויבענע דזשיקיווער חסידים, זיך גערעכנט צווישן די מקורבים פון רבין און זיך געווען געלאזט מקריב זיין פאר זיינס א ווארט. שבתביים טיש איז ער נישט געזיצן צוגלייך מיט אלע אנדערע חסידים, נאר זיך געפארעטע, געלאפן פון איין חדר אין אנדערן, געשטאנען אנגעשפארט ביים רבינס שטול. אזוי האט ער זיך געפירט ביים „עטרת ישועה" און אויך די לעצטע יארן ביים אייניקל רבי מענדעלע הי"ד.

•

אין יאר 1942 איז דער דזשיקיווער רבי ר' אלטערל זצ"ל נאך געווען אין טארנע. חסידים פלעגן צו אים אריינקומען דערציילן פארשידענע נייס, געשעענישן און סתם הערן א ווארט, א מיינונג פון אים.

אין טאג ווען די דייטשן זענען באפאלן ראטן־פארבאנד, איז אריינגעקומען צום רבין, ר' ירוחים צייזלס דער חסיד, דערציילן דאס גרויסע נייס און צוגעבנדיק דערביי — אז רוסלאנד איז שוין אויך אריין אין קריג, איז שוין צו האפן אויף א באלדיקער ישועה. ר' אלטערל אליין, א פקח, האט זיך אויסגעקענט אין וועלטלעכע פאליטישע ענינים נענוי ווי זיין פאטער, — האט אויף אים געוואָרפן א שטרענגען בליק און אים געזאגט:

„ביזט א שוטה, ירוחים... עס איז פונקט דער היפוך דערפון..."

באלד האבן זיך טאקע אנגעהויבן שרעקלעכע רדיפות. יעדן טאג האבן דייטשן ארויסגעפירט יידן אין אן אומבאקאנטער ריכטונג און זיי דערשאסן.

ווען א חסיד א מקורב איז אריינגעקומען צום רבין דערציילן די טרויעריקע בשורה, אז די דייטשע רשעים האבן געשאסן אבוש פאוסטן — א באקאנטן דזשיקיווער חסיד פון טארנע, האט ער אים געזאגט:

„הלואי וואלט מען מיט מיר אויך אזוי געטון... איך זאל נישט דארפן אריינפאלן אין זייערע רוצחישע הענט און נישט דארפן עסן קיין נבלות וטרפות."

די דאזיקע ווערטער האט איבערגעגעבן ר' שמחה טובי'ס אן איניקל — ר' ישראל עדער, וועלכער איז געווען אנוועזנדיק דערביי —. דאן האבן די דייטשן גענומען דעם דזשיקיווער רבין און אוועקגע־פירט אין קראקעווער געטא. ז' אדר תש"ג האבן נאציישע באנדיטן אים ארויסגענומען פון שטוב (פון קראקעווער געטא) און צוזאמען מיט ר' אברהמעלע פייוולס (וויזענפעלד) אומגעברענגט אויף א טראגישן אופן.

דער יונגער רב ר' מענדעלע איז געווען א צייט אין פלאשאווער לאגער נעבן קראקע. דארט האט ער זיך געהאלטן זער מוטיק, געטרייסט און געשטארקט אנדערע. בייטאג איז ער געגאנגען צו דער ארבעט און ביינאכט געזיצן און געלערנט. די דייטשע מנוולים האבן אים איבערגעפירט אין א צווייטן לאגער קיין מאטהויזן. פון די כסדרדיקע פייניקונגען איז ער דארט שוואך געווארן און פון הונגער און נויט נפטר געווארן אין שמחת תורה תש"ד, הי"ד.

די יונגע רביצין האבן די רשעים אוועקגעפירט קיין דאנציק און צוזאמען מיט הונדערטער אנדערע יידישע פרויען דערטרונקען אין א טייך.

זייערע צוויי קינדער — א זון מיט א טאכטער האבן זיך אויף א וואונדערלעכן אופן ארויסגעריסן פון די דייטשע רוצחימס הענט. זיי געפונען זיך היינט צו טאג אין ארץ־ישראל. אויך א זון פון דזשיקיווער רבין ר' אלטערל זצ"ל — ר' יהודא געפינט זיך היינט אין ארץ־ישראל.

# מלחמה - 1939

# דער אָנפאַנג קריג

אויפן אנדערן טאג פון קריגס־אויסברוך, שבת דעם 3 טן סעפּטעמבער 1939, יידן האבן נאך נישט געענדיקט דאס דאווענען, ווי האבן ערשט געהאלטן ביים לייענען. פיל יידן אין די טליתים האבן זיך געדרייט אויף און אפּ אויף דעם פּלאץ פון דער שול און פארן בית־המדרש. דער הימל איז געווען א לויטערע, די זון א פייערדיקע, ווי אין מיטן תמוז. עס האבן זיך געשאפן גרופּעלעך און מען האט גערעדט, קאמענטירט די נעכטיקע ראדיא־רעדע פון רידז־שמיגלי, אז מען איז גרייט, שטארק און פעאיק צום קאמף, און אז מיר וועלן נישט אוועקגעבען קיין שפּאן ערד... אפילו נישט קיין קנעפּל פון א זעלנערישן מונדיר...

פּלוצעם — ווי שטיקער גרויע וואלקנס וואלטן זיך געטראגן אין דער לופט — האבן זיך איבערן שטעטלדיקן הימל באוויזן איירעפּלאנען. יידן האבן געקוקט ארויף צום הימל צו זען אויב ווי טראגן דעם פּוילישן פלי־צייכן — די רויט־ווייסע קעסטעלעך. עס איז געווארן א בהלה. אלע מיט אמאל זענען ארויס פון שול און בית־המדרש אויפן גאס. יידן אין די טליתים זענען געלאפן איבער מארק דערשראקן צו זיך א היים. רואיק זענען די איירעפּלאנען דורכגעפלויגן איבערן שטעטל. יידן צווישן זיך האבן געשמועסט:

„א פּנים — אונדזערע...”

נראה אלעם, וואס מען האט געפילט, אז עס דערנענטערט זיך עפּעס שרעקלעכעס, האבן דאך דאס רוב יידן געגלויבט — אז דאס זענען איירעפּלאנען פון פּוילישן לופט־פלאט, וועלכע מאכן מאנעווערעס. לאנג האט די דאזיקע השערה נישט אנגעהאלטן. עטלעכע

שעה דערנאך, שוין אין אומגעריכטער ליפט־אנגריף. פון מינוט צו מינוט זענען די באמבעס־אויפרייסן געווארן שטארקער, הייזער ארום דער שטאט האבן אנגעהויבן ברענען און מענטשן האבן משוגענערווייז גענומען לויפן אין די שוץ־קעלערס און זיך געחקרנט אז דאס זענען זיכער גאז־באמבעס, כאטש מען האט בפרוש געזען שווארץ געדיכטע רויכן, ברענענדיקע הייזער, פארט אבער האט־מען אנדערש נישט געטראכט און אנשטאט גאז־מאסקעס האבן מענטשן פארוויקלט זייערע פנימער מיט נאסע האנטוכער, איינגעטונקען אין זאדע און געזעסן אין די פארמאכטע קעלערן מיט די דיקע מויערן — א שטיקל רעטונג.

•

זונטאג, דער דריטער טאג קריג — א שרעקלעכע קאנאנאדע פון כאגינען אן. דאס גאנצע שטעטל האט א לאז געטון זיך צו דער ווייסל. אריבערגעשיפט זיך אויף דער צווייטער זייט, געמיינט, אז דארט וועט זיין זיכערער. אבער געווען איז דער היפוך דערפון. עס האט זיך א לאז געטון א האגל פון קוילן איבער אלעמענס קעפ. מיר זענען געלאפן און געפאלן, פויזנדיק אויפן בויך האבן מיר זיך אריבערגעכאפט אין א שכנותדיקן טיפן ריוו. די דאזיקע שרעקלעכע מינוטן ליגנדיק אין ריוו האבן זיך געצויגן ווי אן אייביקייט. ענדלעך איז דער האגל קוילן איינגעשטילט געווארן. עס האט זיך נאך געהערט א ווייט זשומען פון דייטשע מעסערשמיד־איינאפלאנען, נאר די געפאר איז געווען אריבער. מיר האבן אנגעהויבן ארויסקריכן פון ריוו. ארומגעקוקט זיך צי קיינער פעלט נישט, זענען מיר צו צו די ברעגעס פון ווייסל. דער פוילישער שיפער דארט אליין א צעשראקענער פון דער דאזיקער שרעקלעכער איבערלעבונג, דערזעענדיק די מחנה יידן, איז ער נאך מיין צעחושט געווארן. פלעגמאטיש האט ער אפגעבונדן א קליין שיפל און געהייסן עס זאלן זיך אריינזעצן עטלעכע מענטשן. יידן האבן געוואלט וואס גיכער פטור ווערן פון דאזיקן סכנהדיקן ארט און דערלאנגט אים א מטבע. דער שיפער האט אזוי עטלעכע מאל אריבערגעפירט די יידן.

•

אין די ראזיקע שווערע טעג זענען צענדליגגער טויזנטער מענטשן פון אויבערשלעזיע, קראקע, סאסנאוועצ, טארנע, דיישע, דאס רוב יידן אנטלאפן פאר די דייטשן, דורכמארשירט דזשיקיוו. זיי האבן נישט געוואוסט וואו צו לויפן, זענען געווען שטארק אויסגעמאטערט, מיט געשוואלענע פיס. זעענדיק ווי די שטעטלדיקע יידן בלייבן אויפן ארט, האבן זיי אויך באשלאסן צו בלייבן. יעדער בעל־הבית, יעדע יידישע שטוב האט ארייגגענומען עטלעכע מענטשן, אלע בתי־התפילה זענען געווארן איבערגעפולט מיט יידן. דזשיקיווער בעלי־הבתים האבן גלייך אנגעהויבן טראכטן צו העלפן די פרעמדע יידן. עס איז דערצו מאביליזירט געווארן די יוגנט און גלייך איז גע־שאפן געווארן א קיך פאר די ראזיקע פליטים.

דער שנעלער זיג־צוג פון פוילישן מיליטער און דאס דערנענטערן זיך פון די דייטשן האט אנגעווארפן א שרעק אויף די פליטים. כמעט אלע האבן זיי פארלאזט דאס שטעטל און געגאנגען ווייטער, געצויגן קיין מזרח־גאליציע. אויך נישט איין א קלענערער שרעק האבן גע־לעבט די דזשיקיווער יידן. פון דעסטוועגן זענען אלע געבליבן אויף די ערטער. זיי האבן געטענהט:

„ווי קען מען זיך אוועקלאזן פון דער היים... מיר זעען שוין, וואס פאר א פנים מען האט אין דער פרעמד..."

דאס האבן זיי געמיינט די פליטים פון די אנדערע שטעט.

*

עס איז נישט אדורך קיין טאג, מען זאל נישט באזוכן די שוץ־קעלערס. אט האט זיך צעשריגן די אלארם־סירענע מיט יאמערלעך רייסנדיקע קולות; מענטשן דערשראקענע מיט פנימער ווייסע זענען געלאפן אין די קעלערס, מען האט געלאזט אלץ שטיין. אין אזא צייט האט געזוכט יעדער צו זיין אינאיינעם מיט נאך יידן. זענען מאקע די קעלערס פון שיעלע אסט און בייניש פעדערבוש געווען אנגעפאקט פול מיט שכנים, מענער, פרויען און קינדער פון די ארו־מיקע געסלעך. געווען טעג, וואס מען איז דארט געזיצן פון דער פרי ביז אויף דער נאכט — געדאוונט, געזאגט תהילים און סליחות. אין א צייט פון שטארקער באמבארדירונג האבן דורכגייענדיקע קריסטן אויך זיך ארייגגעכאפט אין די יידישע שוץ־קעלערס און

ביי יעדן דונער און אויפֿבליץ מיטגעשריגן מיט די ייִדן אינאיינעם — שמע ישראל...

•

אין ערב ראש־השנה 1939, פֿון קאַיאַר אַן זענען בסדר געפֿאַלן באָמבעס. דער מאַרק איז געווען איינגעהילט אין שוואַרצן רויך, פֿלאַמען האָבן אַלומגעכאַפּט דאָס גאַנצע שטעטל, זיך צעשפּרייט און פֿאַרנומען, וואָס מיין גרעסערע שטחים.
די דייטשע שווער־אַרטילעריע, וואָס האָט זיך געפֿונען עטלעבע קי־לאָמעטער הינטער דער שטאָט נישט גערוט אויף קיין מינוט און געקלאַפּט אָן אויפֿהער.
אין גרויס פּחד, אין אַ שרעקלעכער געדריקטער שטימונג זענען גע־זיצן ייִדן אין די שוץ־קעלערס און געזאָגט מיט אַ יאָמער־לעך געוויין סליחות — זכור ברית... פֿון יעדן טראַך, וואָס איז געווען געצילט אויפֿן שטעטל און געטראָפֿן אין מאַרק האָט זיך געדוכט, אַז אָט־אָט און דאָס גאַנצע שטעטל הייזער פֿאַלן איין און דעקן אונטער זיך צו די מענטשן.
די דייטשן האָבן אומעטום אָנגעווענדעט זייער טאַקטיק, אַז פֿאַרן פֿאַרנעמען אַ שטאָט האָבן זיי אַריינגעוואָרפֿן אַ שפּאַר ביסל באָמ־בעס, בכדי אָנצוּוואַרפֿן אַ שרעק אויף דער אַרומיקער באַפֿעלקע־רונג. בנוגע אונדזער שטעטל האָבן זיי אָנגעווענדעט מיין פּייער, נישט קאַרגנדיק קיין קוילן, ווייל זיי האָבן זיך גערעכנט משמעות אויף אַ „ווידערשטאַנד" מצד פּוילישע שיסערס, וואָס האָבן גע־ציילט אַ צוויי צענדליקער מיט אַלט־פֿרענקישע ביקסן, וואָס זענען געווען פֿאַרשטעקט אין אַ וועלדל אויף יענער זייט ווייסל.
אין דער גרויסער גרוילעדיקער און כאַאָטישער צייט האָבן שטעטל־דיקע גויים נאָר אין זינען געהאַט אויסצוטראַכטן בלבולים אויף ייִדן. אַ גוי האָט זיך שטיל אַריינגעשאַרט אין אַ ייִדישן שוץ־קעלער און איינגערוימט אַ סוד:
„איר ווייסט וואָס אונדזערע גויים זאָגן? — איר ייִדן צינדט אונטער די קירך..."
אַנשטאָט אַ דענערווירונג האָט די דאָזיקע בשורה געמאַכט אַ גוטע שטימונג; מען האָט געזאָגט אַ וויץ, אַ גלייכווערטל... דאָן איז

געווארן שטיל; פון צייט צו צייט האט זיך געהערט אן אפקלאנג פון א שווער קאליבערדיקן הארמאטן־שאס, וואס איז געווען געצילט גישט אין דער זייט פון שטעטל און אפגעהילכט ווי א ווייטעלדיקער דינער... די מענטשן האבן אפגעאטעמט פרייער און ווען די שיסע־רייען האבן זיך איינגעשטילט האט זיך יעדער געלאזט גיין צו זיין הויז.

פיל הייזער זענען געשטאנען אין פלאמען. די בעלי־הבתים פון די ברענענדיקע הייזער, האבן קוים ארויסגעראטעוועט דאס נויטיק־סטע און אריין מיט די פעקלעך צו שכנים. אנצווענדן א רעטונגס־אקציע, אפצושטעלן די שרפות אין א גרעסערן מאסשטאב האט נישט געקענט זיין קיין רייד. די פייער־לעשער־מאשינעס זענען נישט גע־ווען טעטיק, האט מען פון דעם גרויסן מארק־ברונעם געשעפט וואסער מיט עמערס און טעפלעך אויף צו לעשן. לאנג האט די דאזיקע „רעטונגס־אקציע” נישט געקענט אנהאלטן, ווייל עס האט ווער געברענגט א ידיעה, אז די דייטשן געפינען זיך שוין א קילא־מעטער פון שטעטל. יידן האבן אין גרויס בהלה איבערגעלאזן דאס פייער, אריין אין זייערע הייזער—פארקלאפט, פארהאמערט אונטער זיך די טירן און פענצטער און גענומען ארויסקוקן דורך פענצטער־שפארעס. עס האבן זיך באוויזן די ערשטע פאטראלן: צוויי דייט־שע מאטאציקלען, וואס האבן געמאכט עטלעכע רונדעס ארום אין מארק. גלייך זענען אנגעקומען לאסט־אויטאס, ציקליסטן און פיס־גייערס... דער מארק איז געווארן פול מיט נאצישע חילות. עס האבן זיך געהערט קולות — קאמאנדעס פון דייטשע אפיצערן. די געשרייען, וואס האבן זיך אדורכגעשניטן דורך די שמאלע שפארקעס און דערגרייכט אין יידישע הייזער, האבן געמאכט דערציטערן די הערצער פון די איינוואוינערס. מען איז געזיצן און געטראכט. פארשידענע טרויעריקע מחשבות האבן זיך געפלאנטערט אין די מוחות. מען האט זיך שוין אנגעהויבן געבן א דין וחשבון און וואר־בער הענט מיר געפינען זיך...

•

ערב ראש־השנה, בין השמשות, עס האט זיך פארט געוואלט דאווע־נען בצבור. עס האבן זיך צונויפגענומען יידן, געקראכן דורך פענצ־

טער, הינטער־געסלעך און געדרענער. אין יעדן ווינקעלע, אין יעדן געסעלע האבן זיך געשאפן מנינים. ביי ר׳ פיניע קירשנבוים האבן זיך צונויפגענומען בשתיקה א צוויי מנינים יידן. ער, ר׳ פיניע — דער בעסטער בעל־תפילה אין שטעטל, געוואוינט געווען אלע יאר: ראש־השנה ביי נאכט אין גרויסן בית המדרש, צו געבן א רוף אויס מיט זיין העלדן־שטימע —

— תחל שנה וברכותיה...

אז אלע ארום האט געגעבן א ציטער. ר׳ פיניע איז געשטאנען מיטן מלות פארצויגן איבערן קאפ, זיין הויך־ברייטע פיגור איז געווארן ווי איינגעשרומפן, מיט א שטיל צעבראכן קול האט ער געדאוונט מעריב. מיט שטיקנדיקע טרערן האט מען זיך געווינטשן:

„לשנה טובה תכתבו״...

און איינציקווייז, מיט שטילע טריט איז מען זיך צעגאנגען יעדער צו זיין משפחה, וואס האט געווארט שוין מיט גרויס אומגעדולט. פלוצעם האבן זיך אנגעטראגן פון מארק וויינענדיקע קולות, זיך דערנענטערט מיין צו די הייזער. באלד האבן זיך געהערט שטימען, וואס זענען געווען קענטלעך, אין א צעבראכענעם דייטש האבן שטאטישע שקצים אנגעוויזן, וואו עס וואוינען יידן, אין א יעדער שטיב האט זיך געהערט דער זעלבער:

„אויפמאכן.״

עס זענען אריינגעקומען באוואפנטע דייטשע סאלדאטן, ארויסגענומען מען אלע מענער, יונג און אלט. א טויט שרעק איז געלעגן אויסגעגאסן אויף די פנימער פון יידן, די געוויינען און יללות האבן זיך געטראגן פון איין עק שטאט ביז צום אנדערן. עס האבן געוויינט פרויען, וואס מען האט אוועקגענומען זייערע מענער און זין. די דייטשן האבן געפירט די יידן, געטריבן די פרויען צוריק א היים, זאגנדיק, אז זיי גייען אויף ארבעט צו דער ווייסל אויפשטעלן א בריק און אין דער פרי וועלן זיי אלע זיין צוריק.

גייענדיק צו דער ווייסל האבן א טייל יידן אנגעהויבן זאגן ווידוי. אין אזא מין חושכדיקן צושטאנד זענען נישט געשטאנען די מענטשלעכע מחשבות אויף קיין ארט. זיי זענען געלאפן מיט א בליץ שנעלקייט, ווייסנדיק אויף וואס די דייטשן זענען פעאיק און אז מען פירט

זיי צו דער וויסל האט זיך כמעט ביי אלע נעשאפן די מיינונג, אז דאס גייען זיי דעם לעצטן וועג...

אין דער פרי זענען אלע יידן צוריקגעקומען שטארק אפגעמאטערט פון א גאנצער נאכט שווערער קאטארגע־ארבעט. זיי זענען געווען ממש צעבראכן פון טראגן די שווערע שטיינער, און באקומען דערצו — מערדערלעכע קלעפ.

כאטש די געסטאפא איז אין שטעטל נאך נישט געווען, האט זיך שוין אנגעהויבן פילן דאס רוצחישע חיהשקייט פון די דייטשן. אויף יום־כפור זענען זיי ערשט אנגעקומען און געזוכט, געגישטערט אין יידישע הייזער, אויף בוידעמער און קעלערס, האבן ארויסגעשלעפט יידן מיט טליתים אין קיטלען און זיי געשיקט אויף ארבעט.

מען האט שוין געוואוסט אין שטעטל פון די גרויליקע מעשים וואס האבן פאסירט אין די שכנותדיקע שטעטלעך — ווי אין מיעלעץ. ערב ראש־השנה זענען דארט געווען אין שעכטהויז אן ערך פון א זיבציק יידן. עטלעכע דייטשן זענען דאס געוואר געווארן און גלייך געווארפן א באמבע, פארברענט דאס שעכט־הויז מיט די יידן.

אונדזער שטעטל איז עפעס געווען אן אויסנאם פון דער גאנצער געגנט. א הוין עטלעכע צוואנציק קרבנות, נישט יידישע, וואס זענען געפאלן פון באמבעס אין די ערשטע טעג פון קריג, איז ביז צום טאג פון ארויסטרייבן די יידן נישט געווען קיין מענטשן־פארלוסטן — און נאר אפגעקומען מיט רויבן יידישע געשעפטן און וואוינונגען, וואס די דייטשן האבן די זאכן ארויפגעלייגט אויף אויטאס און אוועקגעפירט.

מורא האבנדיק פאר סאבאטאזש־אקטן, האט די געסטאפא גענומען עטלעכע ערובניקעס, צווישן זיי דעם פרעזידענט פון קהל פון די לעצטע יארן ר׳ מענדל שליסל, מיט נאך עטלעכע יידן און האבן זיי געהאלטן ביז צום טאג פון ארויסטרייבן.

# דער לעצטער טאג פון פארלאָזן דאָס שטעטל

# חול המועד סוכות - ת״ש.

געקומען איז דער לעצטער טאג פונעם יידישן שטעטל, וואס האט געהאט אונטער זיך אזא רייכע פארגאנגענהייט, וואו יעדעס געסל און ווינקל איז געווען אנגעזאפט מיט הונדערטער יארן יידיש לעבן. די געסטאפא האט מיט גרויס אכזריות ארויסגעטריבן די גאנצע יידישע באפעלקערונג. עס האט זיך נישט געלאזט גלויבן מיט אייגענע אויגן, אז אזעלכעס קען געשען.

אין יענעם בלויען ליכטיקן פרימארגן פון חול המועד סוכות, י״ט תשרי ת״ש — 1939, ווען דייטשע וואר־פאטראלן זענען ארומגעגאנגען אין שטעטל און געמאלדן:

„אין א האלבער שעה, אלע אויפן מארק־פלאץ.“

דאס זענען געווען די שרעקלעכסטע לעצטע מינוטן. מיר האבן נישט געוואוסט וואו צו גיין. עס האבן זיך געפלאנטערט אויסטערלישע רעיונות. פאר אונדזערע אויגן האבן אנגעהויבן דערשיינען שווידערלעכע פארשטעלונגען. א טונקעלע טרויער האט איינגעהילט דאס גאנצע יידישע שטעטל. כאטש דער הימל איז געווען א לויטערער, און די זון האט שפאצירנדיק געשמייכלט, געשיקט אירע שטראלן אויפן שטעטל, האט אבער פון די פארצערטע פנימער געיאגט א מרה־שחורה. די אויגן זענען געווען ביי אלע ווי פארלאפן, פארטונקלט. די קעפ צעמישט. פרויען האבן געוויינט אין די גאסן. אין יעדער יידישער שטוב האבן זיך געגאסן ימים טרערן. די פיס זענען געווען ווי געפענטעט, מען האט געפאקט זאכן, טלית און תפילין, די הענט ציטערן, מען ווייסט נישט וואס פריער מיטצונעמען. איטלעכער האט דאס רעכט נאר אויף א קליין פעקעלע אין דער האנט. די רעשט האט מען באגאסן מיט טרערן און צוריקגעלאזט אויף הפקר. מען האט געקושט דריי מאל די מזוזה. יעדער מינוט

איז געווען אזוי טייער, נאך איין קוק אלום זיך, אלץ איז געווארן מיין ליב זוי אלעמאל — און עס לאזט זיך נישט גלויבן, אז עס איז דאס לעצטע מאל, וואס די האנט גלעט די אלטע מזוזה.

דער מארק איז געווען פול מיט יידן. גאנצע משפחות זענען גע־שטאנען מיט קלומיקלעך אין די הענט, געווארט אויף דער ריי דורכצוגיין די רעוויזיע, וואס עטלעכע געסטאפא האבן אדורכגעפירט מיט אכזריות. זיי האבן געשלאגן, צוגענומען די שליסלען פון די הייזער, פון די קליטן, דאס פארמעגנס און געהייסן אונטערשרייבן, אז פרייוויליק פארלאזט מען דאס שטעטל. יידן האבן געקוקט אויפן שטעטל הייזער, וואס זענען געווארן אויסגעלערט. מענטשן האבן געשמועסט צווישן זיך:

„אפשר וועט מען נאך לאזן אונדז צוריק אהיים אין אונדזערע שטובן...”

ר' לעמל שניט־סוחר האט געזאגט:

„איך האב זיך אפילו נישט גענומען די גוטע מלבושים. וואר־עם מאמער דארף מען גיין א שטיקל וועגס איז דאך א שאד...”

ר' שמואל בראטמאן האט געמונטערט זיין ייננסטן זון, וועלכער איז געלעגן פארחלשט פון שטארקע קלעפ, וואס ער האט באקומען מיט א נאהייקע און געזאגט צו די יידן:

„דאס טרייבן איז לטובה... מיר וועלן נישט דארפן מער אנקוקן זייערע רוצחישע פנימער...”

עס איז געקומען א באפעל:

„ניין.”

מען האט גענומען די פעקלעך אויף די פלייצעס. אלע יידן זענען ארויס פון שטעטל, צו דער באן־גאס, יונג און אלט, גרויס און קליין, פרויען מיט זויגנדיקע קינדער אויף די הענט, מאמעס טרערן זענען געפאלן אויף די קינדערשע פנימלעך. מען האט זיך אויסגע־דרייט, א בליק געטון. דעם לעצטן בליק געגעבן אויפן שטעטל. זיים האבן זיך אפגעשטעלט קוקן אויף דער גרויעלדיקער סצענע. קיין סימן פון רחמנות געפיל האט מען נישט דערקענט אויף זייערע פנימער. א טייל האבן געשמייכלט, געקוואלן פון דעם דאזיקן פאר־טרייבן.

צוויי עלטערע פאליאטשקעס האבן אונדז באגלייט א קליין שטיקל וועגס מיט טרערן אין די אויגן, אויסגעדריקט גרוים מיטלייד, זאגנדיק דערביי נאנצע זאצן פון דער ביבל ארוים. זיי האבן אונדז געטרייסט:

„יידן זענען שוין געוועזן אין גרעסערע עת צרות...״

קריכנדיק אזוי האבן דזשיקיווער יידן זיך דערשלעפט צום טייד־פאן. עס איז געוואלן א רעש, א בהלה. דער גאנצער ברעג איז געווען באזעצט פון יידן מיט פעקלעך, קינדער־וועגעלעך פון די שכנותדיקע שטעטלעך, וואס האבן געווארט אויף אריבערצושיפן זיך אויף דער צווייטער זייט צו דעם נאענטסטן שטעטל — קליין־ראדאמישלע. די דייטשן האבן דא פריער געמאכט ווידער א שטרענגע רעוויזיע און צוגענומען ביי יעדן, וואס ער האט געהאט, דאס יידישע האב און גוטס — געלט, גאלד און זילבער.

די רייז איז געקומען אויך אויף אונדזער שטעטל. הארצרייסנדיקע פּצענעס האבן זיך אפגעשפילט ביים דאזיקן טייכל.

ר׳ חנן פערלמוטער, וואס האט אין דער היים געפירט א דאמען־שניידער־ווארשטאט, זיך גערעכנט פאר א נגיד, דערזעענדיק די גרויסע ליידן און פיין, וואס יעדער האט שוין אנגעהויבן פילן, האט ער נישט געקענט צוזען דעם צער פון פיל משפחות, וואס האבן שוין נישט פארמאגט אויף קיין מזון סעודה אחת, האט ארויסגענומען עטלעכע טויזנט זלאטעס, צעטיילט זיי צווישן די נויטבאדערפטיקסטע און זיך כמעט גאר נישט איבערגעלאזט.

דאס טייכל איז נישט געווען קיין גרוים, דאך אויף אריבערצושיפן אזא מענטשן־מאסע, האבן זיך געפאדערט עטלעכע שיפלעך און דא זענען געווען צוויי צעבראכענע קלייניקע שיפלעך, אין וועלכע עס האבן געקענט אריין צו דריי, פיר מענטשן. די נעסטאפא אבער האט מיט גרוים ווילדקייט און אכזריות, געטריבן מיט גאמענעשטעקעלעך און געווער אין די הענט אריין אין די שיפלעך. דאכ רוב מאל האט זיך דאס שיפל איבערגעדרייט און מענטשן זענען געבליבן שטיין אין וואסער ביז צום האלדז. מאמעס האבן זייערע קינדער געטראגן אין דער הויך, עס האבן זיך געהערט מולאדיקע געוויינען און געשרייען. יונגע לייט האבן געוואלט שפרינגען איז

וואַסער אַרויסראַטעווען די פּרינסענדיקע. ביי די ברעגעס איז אָבער געשטאַנען געסטאַפּאָ מיט אויסגעשטרעקטע מאַשין־געווער, געלאַכט מיט אַ ווילד־סאַדיסטיש געלעכטער און זיי ניש געלאָזט.

די נאַכט איז צוגעפאַלן, הונדערטער משפּחות האָבן זיך געפונען נאָך אויף דער זייט טייך. די שטימונג איז געווען אַ שרעקלעכע. עס האָט יעדן געשווינדערט. פון איין זייט איז געווען די געסטאַפּאָ, וואָס האָט געשלאָגן און געטריבן, פון דער אַנדערער זייט דער טייך מיט די צעבראָכענע שיפלעך און צו דעם אַלעם אַ טונקלע קאַלטע נאַכט.

פּלוצעם האָט מען געבראַכט צו פירן צוויי גרויסע נייע האַלצענע שיפלעך און ביז אַ שעה צייט האָבן זיך אַלע יידן געפונען אויף דער צווייטער זייט און עס זענען אַזוי אַרום אויסגעמיטן געוואָרן קרבנות. דאָס גאַנצע דזשיקיווער שטעטל איז שוין צוויי טאָג געווען אונטערוועגס. ערשט אויפן דריטן טאָג — אַריין קיין קליין־ראַדאָמישלע. איבערגענעכטיקט אַ פּאָר נעכט, האָבן דזשיקיווער יידן זיך געלאָזט ווייטער אין דער וועלט אַריין... פיל משפּחות האָבן זיך אין מיטן וועג אָפּגעטיילט און זיך צעזייט, צעשפּרייט אין די אַרומיקע שטעטלעך. אַ גרויסער טייל איז אַריין קיין קאָנגרעס־פּוילן, אָבער נאָך אַלץ איז געבליבן די גרעסערע העלפט, וואָס איז געגאַנגען קיין מערב־אוקראַינע.

צוקומענדיק צו דער סאָוויעטישער גרענעץ, עטלעכע קילאָמעטער פאַר דעם שטעטל שיניאַווע, האָבן דייטשע חילות אויפסניי געמאַכט אַ לייב־רעוויזיע. טאָמער האָט זיך נאָך עפּעס וואָס פאַרוואַלגערט ביי אַ ייד נאָכן אַדורכגיין די ערשטע צוויי רעוויזיעס, האָבן זיי שוין איצט אַלץ אויסגעלעכט און צוגענומען. ביי אַ טייל האָבן זיי אַפילו אַראָפּגעצויגן די אויבערשטע מלבושים און זיי פאַרטיילט צו די אוקראַינישע פויערים, וואָס זענען געשטאַנען אַרום אונדז.

מיר האָבן זיך געפונען אויפן פרייען פעלד. דער בין־השמשות האָט זיך דערנענטערט. טונקעלע גרויע וואָלקנס זענען געהאַנגען אין דער לופטן. אַ שטורעמדיקער ווינט האָט זיך געהויבן און בטריסן, געראַנגלט זיך און געוואָלט פאַרטרייבן די טונקעלע גרויע

וואָלקנס. אַ שלאַקס־רעגן האָט זיך אַראָפּגעלאָזט ווי אַ מבול אויף אונדזערע קעפּ. קינדער האָבן געוויינט, געשריגן. דער ווינט האָט געשלעפּט. עס איז שווער געווען איינצושטיין אויף איין אָרט. אַ גאַנצע נאַכט איז מען געווען אויפן פרייען פעלד. מען איז דורכגעווייקט געוואָרן ביז צום לייב. ערשט באַגינען איז מען אַריין אין שטעטל שיניאַווע. פון דאָנען איז מען זיך צעפאָרן און זיך באַזעצט אין די שטעט פון מערב־אוקראַינע: פּשעמישל, לעמבערג, סטאַניסלאַוואָ, טאַרנאָפּאָל, קאָלאָמיי און אומגעגנט.

•

אין יאָר 1940 — זענען צוזאַמען מיט הונדערטער טויזנטער פּוילישע ייִדן — אויך פיל משפּחות פון אונדזער שטעטל עוואַקואירט געוואָרן קיין ראַטן־פאַרבאַנד, קיין סיביר. די אַנדערע משפּחות, פאַרבליבענע אין מערב־אוקראַינע, זענען אַריינגעפאַלן אין די הענט פון די דייטשע רוצחים.

נאָכן אויסברוך פון דער דייטש־סאָוויעטישער מלחמה אין יאָר 1941 האָבן פּוילישע בירגער — אויפן גרונט פון פּויליש־סאָוויעטישן אָפּמאַך — זיך געקענט פריי באַוועגן אין גאַנץ ראַטנפאַרבאַנד. זענען אַ טייל דזשיקיווער משפּחות צוגלייך מיט אַנדערע פּוילישע ייִדן עוואַקואירט געוואָרן קיין מיטל־אַזיע, וואו זיי האָבן זיך באַזעצט אין: טאַשקענט, פרונזע, אַלמאַ־אַטאַ, סאַמאַרקאַנט, בוכאַראַ, דזשאַמבול און אין אַנדערע פאַרשידענע שטעט.

•

פון די ייִדן וואָס זענען פאַרבליבן אונטער דער דייטשער אָקופּאַציע, האָבן אַ טייל זיך צוריקגעקערט קיין דזשיקיוו. אַנדערע זענען געוואָרן צעזייט, צעוואָרפן איבער די פאַרשידענע געטאָס און לאַגערן פון פּוילן.

די עטלעכע צענדליגג משפּחות וייענדיק אין דזשיקיוו האָבן דורכגעמאַכט גרויזאַמע שרעקלעכע צייטן. עס איז כמעט נישט דורכגענאַנגען קיין טאָג, עס זאָלן נישט געווען זיין קיין קרבנות. יונגע און אַלטע זענען אין מיטן העלן טאָג דערשאָסן געוואָרן דורך די נאַציסטישע מערדערס אין מיטן מאַרק: העשל קאַנער, יחיאל ציגאַמאַן, אייזיק שליסל, שרה מענצער, ניחה שטייגינגער, יענטע פעדערבוש,

איטשע ירוחים (נוסבוים) איז אומגעקומען דורך פארברעכעריש־רוצחישע הענט אין שכנותדיקן שטעטל בארניוו. פנחס דערפלער מיט זיין משפחה האבן די רשעים אומגעבראכט אויף א שווידער־לעך טראגישן אופן. לייבטשע קארנבליט מיט זיין גאנצער משפחה זענען נאך לאנגע באהעלטענישן טראגיש אומגעקומען דורך דייט־שע רוצחישע הענט, נאענט פארן באפרייען. אין הויז פון הכנסת אורחים האבן די דייטשן ארייננעפאקט פיל יידן און זיי איינציק־ווייז אומגעבראכט. נאצישע בעסטיעס זענען אריינגעקומען צו ר' מלך סאפיר און האבן פון אים געפאדערט, ער זאל אויסגעבן די עטלעכע יידן, וועלכע האבן זיך געהאט אויסבאהאלטן און אויך זאל ער אויסזאגן, וואו די יידן האבן פארקאפעט זייערע פארמעגנס — און דערפאר וועלן זיי אים לאזן לעבן. ר' מלך סאפיר האט זיי געענטפערט:

„איך וועל נאך נישט זאגן און קיינעמען נישט אויסגעבן... בעסער שטארבן."

און ער איז אויפן ארט אומגעקומען דורך א באנדיטישער גיפטיקער קויל. הי"ד.

# די ענדע
# פון דער געשיכטע דזשיקוו

צוריקקומענדיק פון ראטן־פארבאנד אין יאר 1946 איז דער ערש־
טער פארלאנג מיינער געווען צו זען אונדזער שטעטל. איך האב
געטראכט ביי זיך, איך וועל דארט זיין א וואך צייט, אפשר וועט
מיר געלונגען זיך צו דערוויסן ווי אזוי מיינע נאענטע און טייערע
האבן געלעבט, געליטן און זענען אומגעקומען.
גלייך ביים אויסשטייגן פון דער באן האב איך באמערקט, דעם
זעלבן גארנישט געענדערטן וואקזאל, די זעלביקע גויאישע דראזש־
קאזשעס. א מאל פלעגן פון אזא צוג אויסשטייגן צענדליקער פא־
סאזשירן, דאסמאל זענען עס געווען געציילטע מענטשן. איינער
איז צוגעקומען צו מיר, געכאפט מיין וואליזקעלע. איך בין געווען
צופרידן, אז מען דערקענט מיך נישט. דער קוטשער האט א שמיץ
געטון די פערד און איך בין געזונקען אין רעיונות. אין מיין דמיון
האט אויפגעטויכט דאס יידישע שטעטל, ווען עס האט נאך געלעבט,
געאטעמט מיט א רוח־חיים. עס האט זיך מיר אויסגעדוכט, אז באלד
וועל איך זען דאס אלץ אין דער ווירקלעכקייט... בלויז איינציקע
מינוטן האט עס געדויערט; אדורכגעפארן דעם בית־עולמין — און
איך האב נישט דערקענט דאס דאזיקע ארט; צעאקערט, אויסגע־
גלייכט מיט די ארומיקע פעלדער... אפילו די וואס זענען שוין
לאנג נישט אויף דעם עולם, זענען אויך נישט דארט פאראן... זיי־
ערע ביינער ערגעץ פארווארפן... אט בין איך אנגעקומען אין מארק.
עס פעלן פון ארום פיל הייזער, זיי זענען ווי איינגעזונקען, זעלטן ווען
האב איך באמערקט א מענטש אין גאס. א מרה־שחורה, אן אומע־
טיקע שטילקייט איז געווען. די מצבות־שטיינער זענען געפלאס־
טערט אויף די גאסן. די שיינע גרויסע שול איז פארוואנדלט אין

א גאראזש, דער בית־המדרש אין א מאגאזין. צעפלויגן, צערינען זענען געווארן אלע מיינע רעיונות...

איך האב געשפאנט איבער די חורבות, איז גאנצע עטלעכע שעה. צו קיינעם קיין ווארט נישט אויסגערעדט, נישט געקענט לענגער אויסהאלטן. איך האב געווארפן מיינע ווייטיקדיקע בליקן אויף די יידישע הרובע הייזער, דעם גאנצן געשטאלט פון יידישן מארק, און עס האט מיך נישט געלאזט גלויבן, אז די מענטשן פון די הייזער זענען מער נישט דא... איך האב אנגעשטרענגט מיינע בליקן, געקוקט בעסער, טאמער נאר איך מיך... עס האט אנגעהויבן שווינדלען אין מיינע אויגן. איך בין געשטאנען אנגעשפארט אויף א מויער פון א יידיש הויז, באוויינט און באקלאגט דעם חורבן איינער אליין...

דאס הארציקע שטעטל דזשיקוו, אדער ווי מען האט עס גערופן אויף פויליש — טארנאבזשעג איז במעט זוי נישט פאראן. עס איז היינט א גאנץ אנדער שטעטל, גאר נישט דאס זעלביקע פון א מאל... היינט איז אונדזער שטעטל און די ארומיקע געגענט, מיט די דערפער וואו טיילווייז האבן געוואוינט יידן, פוסט און וויסט. עס געפונט זיך נישט קיין יידן. פון א קהלה פון זיבן הונדערט משפחות זענען ניצל געווארן קרוב הדריי הונדערט נפשות — די וואס זענען עוואקואירט געווארן קיין ראטן־פארבאנד און פון נאציש רוצחישע הענט — איינצלנע יחודים.
עטלעכע פאמיליעס וואוינען היינט אין גרעסערע שטעט פון פוילן און אין נידערשלעזיע, א טייל אין די לאגערן פון עסטרייך און דייטשלאנד, די איבעריקע זענען צעזייט און צעשפרייט איבער דער גארער וועלט...

דזשיקוו, אן אלטע יידישע קהלה, איז חרוב געווארן, פארשוואונדן אויף אייביק... דער לעצטער חרבן האט אוועקגעריסן א זאפטיק שעפעריש שטעטל, מיט אירע חדרים, תלמוד־תורהס, העברעאישע שולן, בית־יעקב־שול, חסידים־שטיבלעך, ארגאניזאציעס, פאראיינען און ספארט־קליבן.



דזשיקיווער לאַנדסלייט אין די דייטשע לאַגערן (אולם) פאַרזאַמלט ביי אַ יזכור-פייערונג
נאָך די אומגעקומענע דזשיקיווער קדושים.

א שטעטל, וועלכע דורות האבן במשך פון יאר הונדערטער געלעבט און געשאפט, איז אפגעמעקט געווארן פון דער ערד און פריציזיטיק פארשניטן געווארן. איבערגעריסן איז געווארן דער פאדעם פון הונדערטער משפחות, וועלכע האבן נאך זיך קיין זכר און קיין קבר נישט איבערגעלאזט, אפגעווישט אין גאנצן פון דער אויבערפלאך. מיר דזשיקיווער שארית־הפליטה וועלן אייביק אפהיטן זייער אנדענק. מיר וועלן דיך, שטעטל דזשיקיוו, נישט פארגעסן.

געענדיקט איז דיין געשיכטע, יידיש שטעטל דזשיקיוו...

לזכר עולם

# יזכור

אלהים את נשמת קדושי דזשיקוו
עם נשמת אחיהם שנהרגו על
קדוש השם

הי"ד

ת׳ נ׳ צ׳ ב׳ ה׳